גליון

# באור החיים

פרשת קרח - תשפ"ו לפ"ק | גליון תתפ"ה

הגליון בשבוע זו נתנדב על ידי
הרה"ח ר' יעקב שמשון האס הי"ו
לעילוי נשמת אביו הרה"ח ר' מנחם מענדל בן ר' יעקב שמשון ז"ל
יארצייט ביום השב"ק - ה' תמוז הבעל"ט
ובזכות זה יתברך הנדבן החשוב בכל מילי דמיטב, וימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה

המדור הזה נתנדב ע"י מו"ה משה אהרן מערמעלשטיין הי"ו (טאהש)
לרגל שמחת הולדת בתו הבכירה למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## באור פני מלך

פניני עבודה על פרשת השבוע

### עבודת הקטורת במחשבות טהורות מטהר את האדם

**זאת עשו קחו לכם מחתות קרח וכל עדתו.**

צריך ביאור הענין, מה שצוה להם להקטיר קטורת, למה דייקא על ידי עבודה זו בא לברר להם מי האיש אשר יבחר ה'.

גם דקדקו המפרשים, הרי משה רבינו היה עושה כל מה שביכלתו להציל את בני ישראל, ולהמתיק הדינים מעליהם, והיאך צוה אותם כאן לעשות עבודה כזאת, אשר בודאי יאבדו על ידה.

ויבואר הענין על פי מה דאיתא בזוה"ק, דעל ידי הקרבת הקטורת, נטהר לבו של אדם, ובטלה ממנו זוהמת היצר הרע, ומקבל לב זך וטהור לעבוד את ה', ומבטל ממנו כח היצר.

לכן כאשר ראה משה רבינו רעיא מהימנא, כי עדת קרח נפלו ונשתקעו בדרכי היצר, ונשתבשו בדעות מסולפות ומקולקלות, חשב מחשבות ועצות היאך להצילם מרדת שחת, לבטל מהם כח השקר שנפלו בו, ולהאיר בקרבם דעת האמת, וכדי לפעול את זאת, לא ראה לפניו עצה אחרת כי אם להשתמש בכח הקטרת, המטהר את לבו של אדם ומבריח כח הזוהמא של היצר.

אבל הם כבר חטאו בנפשותם, והיו משוקעים כל כך בחטאם, שכבר לא התכוונו לעבוד עבודה לפני ה', וכל מה שעשו היתה במחשבות של גאווה ונצחון וכדומה, וכמו שכתוב ויקחו איש מחתתו ויתנו עליהם אש וישימו עליהם קטורת, ולא נאמר בכל ענין 'לפני ה'', על כן לא היה בהקטרה זו כח העבודה של קטורת המגרש את הסטרא אחרא, וממילא ותצא אש ותאכל את החמשים ומאתים איש מקריבי הקטורת.

(פתג"ק קרח)

### משה רבינו רצה להחזיר קרח לדרך האמת בלילה

**בוקר ויודע ה' את אשר לו ואת הקדוש והקריב אליו.**

הוקשה בספרים הק', דלכאורה אם משה רבינו היה רוצה להוכיח לקרח שהצדק עמו, אם כן אמאי אינו מוכיח לו מיד, אלא אמר לו להמתין עד למחר, ומתרצים, דמשה רבינו חישב דבלילה בעת שקרח הולך לישן ונשמתו עולה למעלה, שם יכול להוכיח לו האמת, שלא ילך עוד בטעותו, דקרח היה חושב שהוא עשה דבר טוב, ובאמת קרח צדיק היה ומטועני הארון היה, ובשעת טוענת הארון היה רואה אורות גדולים, לכן חישב משה רבינו דכל זמן שהוא ער לא יכול להוכיח את שקרו, אבל בלילה יכול לעשות מעשים להחזיר נשמתו לדרך האמיתי.

אבל למעשה היה קרח ער כל הלילה עם עדתו, והיה מדברים בדברי ליצנות כל אותו הלילה, וכל הלילה ההוא הלך אצל השבטים ופיתה אותם, לכן לא הי' יכול משה רבינו לעשות מה שהיה רוצה.

(שפ"ק ויצא)

### בני ישראל צריכים לילך מעלה מעלה

**ואת קדשי בני ישראל לא תחללו ולא תמותו.**

פי' שבני ישראל לא יחללו את קדושת נפשם, היינו כח הקדושה הנטועה בלב כל אחד ואחד מישראל, וכח הנשמה הנתונה בהם, 'ולא תמותו', היינו שלא תפלו ממדריגתכם, דמאן דנחית מדרגא קדמאה דהוה ביה קרי ביה מיתה (זוה"ק ח"ב קלה:), אלא תלכו תמיד מעלה מעלה, ואף כשהאדם נופל ממדריגתו, לא תהיה הנפילה דרך קבע, אלא דרך מעבר לצורך העליה.

(דב"ק קרח)

# שביבי אש

קורצע טרעפליכע טייטשן מתורתו של כ"ק מרן רבינו הקדוש זיעועכי"א

**אתה סתר לי, ווען דו ווערסט מיר העלפן באהאלטן מיין ישות, מצר תצרני רני פלט תסובבני סלה, וועל איך זוכה זיין צו אלע ברכות, ווייל איך וועל זיין א כלי ראוי.** (פתג"ק ח"ב קע"ד)

## א מצוה דארף מען מקיים זיין מיט אלע הידורים

מכל מתנותיכם תרימו את כל תרומת ה' מכל חלבו את מקדשו ממנו וגו' ולא תשאו עליו חטא בהרימכם את חלבו ממנו ואת קדשי בני ישראל לא תחללו ולא תמותו.

זענען די מפרשים מפרש די פסוק מכל חלבו את מקדשו ממנו, לויט ווי דער פסוק זאגט ואכלו את חלב הארץ איז רש"י הק' מפרש 'כל חלב לשון מיטב הוא', און דאס זאגט דער פסוק מכל חלבו את מקדשו ממנו, אז א מענטש דארף געבן פארן אייבערשטן די חלק היפה והמשובח, און ווי דער פסוק זאגט כל חלב לה', אז דו זאלסט געבן פארן אייבערשטן חלק המובחר והטוב.

אויף דעם זאגט דער פסוק ולא תשאו עליו חטא בהרימכם את חלבו ממנו, ווייל אויב א מענטש געבט תרומה ומעשר פון די חלק הזיבורית, ווערט עס פארעכענט פאר אים פאר א חטא, ווייל ער ווייזט מיט דעם אז די חסדי שמים זענען נישט אזוי חשוב ביי אים לכל הפחות אזוי ווי חפצי

# דער הייליגער רבי זאגט

ילקוט אמרים מכ"ק רביה"ק זי"ע מלוקט מספרי דבי רב - באידיש

עצמו, און ער איז מחלל מיט דעם דער שם ה', אזוי ווי מען זעהט ביי קין אז ער האט געברענגט מפרי האדמה מנחה לה', ופרש"י הק' מפרי האדמה, מן הגרוע, און הבל האט געברענגט מבכורות צאנו ומחלביהן, וואס דאס מיינט מן המובחר און די גוטע פון זיי, שטייט ווייטער וישע ה' אל הבל ואל מנוחתו, ואל קין ואל מנחתו לא שעה, און דאס שטייט דא אין פסוק, ולא תשאו עליו חטא בהרימכם את חלבו ממנו, אז ווען ענק וועלן געבן פארן אייבירשטען מן המובחר, וועט נישט זיין ביי ענק קיין חטא, און אויף אזא אופן וועט נישט נתחלל ווערן דורך ענק דער שם ה', און דאס שטייט ואת קדשי בני ישראל לא תחללו ולא תמותו.

בזמן הזה וואס אונז האב מיר נישט די מצות תרומות ומעשרות, קומט די פרשה אונז לערנען, אז ביי יעדע פעולה וואס א איד טוט פארן אייבערשטן, דארף מען עס מקיים זיין מיט אלע הידורים, און אזוי אויך ביי מצות הצדקה דארף מען עס מקיים זיין אויף די שענסטע פארנעם, בסבר פנים יפות, און געבן צדקה בסתר, לויט ווי עס איז די מערסטע אויסגעהאלטן ביי מצות הצדקה.

אויך איז נכלל אין דעם, אז מען זאל מקיים זיין די מצות ה', בחיות ובפנימיות, בשמחה וברגשי הלב, אזוי ווי דער פסוק זאגט בבית אלקים נהלך ברגש, אז מען זאל גיין אין ביהמ"ד ברגש הלב, און מקיים זיין די מצות ה' בהתפעלות הלב ובשמחה, נישט כמצות אנשים מלומדה, ווייל איינער וואס איז מקיים מצות ה' אן קיין חיות הלב, ווייזט ער אז די מצות ה' איז נישט חשוב ביי אים לכל הפחות אזוי ווי חסדי עצמו, ווייל א זאך וואס איז נוגע פאר חסדי עצמו, טוט ער דאס מיט אלע רגשי לבו, בחיות ובשמחה, און אויב איז ער מקיים חסדי שמים בקרירות הלב, איז ער מבזה קדשי ה', און ער איז מעורר מיט דעם חרון אף למעלה, אזוי ווי דער רבוש"ע כביכול איז זיך מתאונן דורך ישעי' הנביא (ישעיה כ"ט י"ג) יען כי נגש העם הזה, בפיו ובשפתיו כבדוני, ולבו רחק ממני, ותהי יראתם אותי מצות אנשים מלומדה.

אויף דעם זאגט דער פסוק, ואת קדשי בני ישראל לא תחלל ולא תמותו, 'קדשי בני ישראל' מיינט די עבודה פון אידישע קינדער וואס דאס איז די עסק התורה והמצות, 'לא תחללו ולא תמותו', זאלט עטץ נישט מקיים זיין בבחינת מיתה נאר בחיות הלב, אזוי ווי דער פסוק זאגט לא אמות כי אחיה ואספר מעשי קה, און ווי חז"ל זאגן וחי בהם ולא שימית בהם.

(עבודת עבודה פתגמ"ק)

איחוד
תלמידי וחסידי טאהש

**מזלא טבא וגדיא יאה**

רגשי ידידות והכרת הטוב מעומק לבבינו מיטב איחולינו נשגר, כסא דברכתא נרימה לנצח ולהדר, מול מעלת כבוד ידידינו המפואר, מוכתר בכל מדה נכונה ותואר, העומד תמיד לימינינו במיטב לבו וכשרון ידו, ה"ה

מו"ה **משה אהרן מערמעלשטיין** הי"ו

לרגל שמחת הולדת בתו הבכירה למזל טוב

ממרום ברכה, יוסיף ה' ככה, במעשיו הצלחה, רוח ששון והנחה, וברכות עד בלי די, הני תלת בני מזוני וחיי, בעזרתו יתברך קל חי, עדי נזכה בקרוב בימינו, לביאת משיח צדקנו, ומלכנו בראשינו, בב"א

**הנהלת האיחוד**

ומשפע מצות תפילין יתמשך עלי... שפע קודש



בעזהשי"ת

ברוב שבח והודאה להשי"ת על כל הטוב שגמלנו מברכים אנו ברכת שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה ומתכבדים אנו להזמין את כל קרובי וידידי הי"ו להשתתף בשמחתי אצל שמחת

**הבר מצוה**

של בננו היקר והחשוב
כמר **יחיאל מיכל** ני"ו

שתתקיים בעזהשי"ת בשטו"מ
ביום שני פרשת חק"ב
ז' תמוז - ולמספרם June 22
בשעה 8:00 בערב

**באולם בית ברכה**
PREMIERE HALL
4310 10TH Ave
Brooklyn NY 11219

ואי"ה ביום שמחתכם ישמח לבי גם אני המצפה לקראת בואכם לשלום

**שלמה צבי חיים ליעבערמאן וב"ב**

בן הרה"ג רבי משה יהודה לייב ז"ל מבעסערמין
וחתן הרה"ח ר' שמואל לויפער שליט"א

# א ווארט צום שבת טיש

געקליבענע תורות און מעשיות נאכצוזאגן ביים שבת טיש

## א תורה אויף די פרשה

### ויקח קרח בן יצהר וגו', לקח את עצמו (רש"י)

געווענליך, ווען צוויי מענטשן קריגן זיך, טוהן ביידע פארמערן צו די קריגעריי, אזוי אז קיינער איז נישט מוותר פאר'ן צווייטן. ביי קרח אבער, איז נאר געווען איין זייט פון די מחלוקת, ווייל משה און אהרן האבן גארנישט צוריק געקריגט. דאס זאגט רש"י, "לקח את עצמו" קרח האט זיך אליינס גענומען קריגן, אפילו ער האט נישט געהאט קיין צווייטע זייט וואס קריגט זיך צוריק.

(צבי לצדיק)

בן יצהר בן קהת בן לוי, ולא הזכיר בן יעקב וכו' (רש"י)

יעקב אבינו'ס מידה איז געווען "אמת", אזוי ווי עס שטייט (מיכה ז-כ): "תתן אמת ליעקב". ווען קרח וואלט אריין געטראכט אז ער איז אן אייניקל פון יעקב אבינו און ער וואלט געגאנגען אין זיין וועג פון אמת, וואלט ער נישט צוגעקומען צו מחלוקת, ווייל "אמת" ברענגט צו "שפלות" און "ענווה". דאס זאגט רש"י, "ולא הזכיר בן יעקב" קרח האט זיך נישט דערמאנט אז ער איז אן אייניקל פון יעקב, און דאס האט איהם צוגעפירט צו מחלוקת.

(אגרא דכלה)

### ודתן ואבירם, ומה ראה קרח וכו', נתקנא על נשיאותו של אלצפן (רש"י)

לכאורה איז שווער, פארוואס האט קרח פונקט יעצט אנגעהויבן מקנא צו זיין אויף די נשיאות פון אלצפן, ער איז דאך שוין פון לאנג אויפגענומען געווארן אליץ נשיא. נאר ווי לאנג עס איז נישט נגזר געווארן די גזירה פון חטא המרגלים, אז די אידן מוזן בלייבן אין מדבר 40 יאר, האט קרח נישט מקנא געווען, ווייל ער האט געוואוסט אז צו זיין א נשיא איז נאר פאר א קורצע צייט, ווייל באלד גייט מען שוין אריין קיין ארץ ישראל, וועט מען שוין נישט דארפן קיין נשיאים. אבער יעצט ווען דער אייבערשטער האט גוזר געווען די גזירה, און די נשיאים האבן געדארפט זיין א לענגערע צייט, האט ער מקנא געווען.

(קדושת לוי)

### בקר וידע ה' את אשר לו ואת הקדוש והקריב אליו וגו'

עס קען זיין דא א רמז אין פסוק, אז לויט ווי א מענטש פירט זיך אויף ביים אויפשטיין אינדערפרי, דערקענט מען זיין מצב אין רוחניות וויפיל ער איז באהאפטן צום באשעפער מיט פלייסיגקייט. "בוקר" ביים אויפשטיין אינדערפרי, "ויודע ה'" מאכט דער אייבערשטער דערקענען, "את אשר לו" ווער עס איז זיין געטרייער דינער.

(דברי שמואל - סלאנים)

## א מעשה אויף די פרשה

### אשר אבחר בו מטהו יפרח

דער הייליגער רבי איציק'ל נעשכיזער זי"ע האט אמאל באזוכט אין די שטאט וולאדאווקא. איז געווען פארנאכטס, ווען ער איז געווען ארומגענומען מיט עטליכע מקורבים, האט ער דערציילט ווי פאלגענד:

אין שטאט אפטא, האט געוואוינט א יונגערמאן א תלמיד חכם און בעל כשרונות, וועלכער האט געמוזט פארלאזן דאס לערנען און גיין האנדלן כדי צו ברענגען פרנסה, ער פלעגט ארומגיין אין די הייזער פון די פריצים, קויפן תבואה און אנגעטראגן פארשידענע סחורות. זייענדיג אן ארנטליכער מענטש, האט ער זיך איינגעקויפט נאמנות ביי די פריצים און איז געווארן מיט זיי שטארק באפריינדעט.

די פריינטשאפט האט אבער געברענגט אויף אים אן אומגליק, אז צווישן די פריצים איז געווען איינער וואס האט געהאט א בת יחידה, און ער האט אים פארגעשלאגן אז ער זאל איר נעמען פאר א פרוי, און דערנאך וועט ער ירש'נען זיין גאנצע פארמעגן. דער יונגערמאן האט נישט געקענטביישטיין דעם גרויסן נסיון, און האט אנגענומען דעם פארשלאג, און דורך דעם שרעקליכן שריט האט ער גענצליך פארלאזט דעם אידישן וועג, און האט זיך מיט די צייט גע'שמד'ט רח"ל. פארציילנדיג די מעשה האט זיך איינער פון די אנוועזנדע אנגערופן צום ר' איציק'ל נעשכיזער, "רבי, נישט ווייט פון דא האט אויך פאסירט אן ענליכע פאסירונג"...

די אנוועזנדע האבן אים אפגעשטילט און דער צדיק האט פארגעזעצט זיין דערציילונג:

שטעלט אייך פאר, א איד דערזעט זיך פלוצים געפאנגען אין די הענט פון די סטרא אחרא, נישט קיין תפילה, נישט קיין תפילין, נישט קיין שבת און נישט קיין יום טוב, נישט קיין ראש השנה און נישט קיין יום כיפור... נישט איינמאל האט ער געהאט הרהורי תשובה און האט זיך געוואלט אומקערן צום אידישן וועג, אבער די טירן פאר אים זענען געווען פארשלאסן, ווייל לויט די געזעצן אין יענע צייטן איז נישט געווען ערלויבט פאר א מומר ער זאל צוריק טוישן זיין רעליגיע. און אויך די וועלכע האבן אים געהאלפן דערצו האבן באקומען שווערע שטראפן. דאך האט ער עטליכע מאל פרובירט, אבער זיין פרוי די מרשעת האט אים שטארק נאכגעקוקט, און ווען זי האט דערזען אז ער האט עפעס א קשר צו אידן, פלעגט זי אים פאר'מסר'ן פאר די רעגירונג, און ער האט געליטן גרויסע צרות.

דער אפטער רב איז געווען א גרויסער גאון און צדיק. איין נאכט ווען ער איז געזעסן און געלערנט, האט ער געהערט קלאפן אויף זיין טיר. ער גייט צו און עפנט די טיר, און צו זיין איבערראשונג האט ער דערזען פאר זיך דעם מומר וועלכער ברעכט אויס אין א געוויין און שרייט: "רבי, איך וויל תשובה טוהן, און זיך אומקערן צו אידישקייט".

דער רב, וועלכער האט געוואוסט אז אסאך אידן האבן שוין טייער באצאלט פאר'ן פרובירן אים צו העלפן, האט ער אים אפילו נישט געוואלט אויסהערן און האט גלייך פארקלאפט די טיר פאר אים. אבער דער מומר האט נישט מוותר געווען, יעדע נאכט, ווען ביי אים אין פאלאץ איז שוין יעדער געשלאפן, איז ער געקומען צום רב און געוויינט ביטער'ליך אז ער זאל אים העלפן. אבער דער רב האט בשום אופן נישט געוואלט רעדן צו אים.

איין נאכט האט דער רב פארלוירן זיין געדולד, און איז ארויס צו אים מיט זיין שטעקן, ער האט מיט איינמאל געעפענט די טיר און געשריגן צו אים: "גיי אוועק פון דא, אויב נישט וועל איך דיך באקלאפן מיט דעם שטעקן". דער מומר איז געבליבן שטיין אויפ'ן ארט ווייס ווי די וואנט, און האט זיך נישט גערירט פון ארט. און די אפטא רב האט צוגעגעבן: "ווען אויף דעם שטעקן וועט וואקסן פירות, וועסטו קענען תשובה טוהן" דער מומר האט זיך אויסגעדרייט און געטראכט צו זיך אז מער וועט ער שוין נישט קומען. דער רבי דרייט זיך אויך אויס און וויל אריין אין שטוב, אבער פלוצים ווערט ער איבערראשט זעענדיג

המשך בע' יב

# ביאור הלכה

הלכות וביאורים מתוך ספרי בית נאמן בישראל אשר עדיין לא ראו אור הדפוס
מאת הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א

## זהירות ביי עסענווארג

### אוכלים ומשקין שתחת המטה (ד)

### טו

**שאלה: עס זענען דא אין געוויסע שטובער, און ישיבות, קעמפס א.ד.ג., וואס האבן צוויי שטאקיגע בעטן [באנג בעט], איז דא ענין מחמיר צו זיין נישט צו שלאפן אויף די אונטערשטע בעט, און וואס איז די הלכה צו מען מעג לייגן עסן אויף די אונטערשטע בעט?**

**תשובה:** עס זענען דא וואס ברענגען א ראיה אז א מענטש מעג שלאפן אונטער א בעט, און עס איז נישטא די קפידא פון די רוח רעה, די גמרא זאגט אין מסכת סוכה אז רבי יהודה האט געזאגט אז ביי זיי האט מען זיך געפירט אז מען איז געשלאפן אונטערן בעט אין די סוכה, זעט מען פון דעם אז אויף א מענטש גייט נישט ארויף די רוח רעה, און מען מעג שלאפן אונטער א בעט.

עס זענען דא וואס פרעגן אפ די ראיה, ווייל עס קען זיין אז א סוכה איז אנדערש, וויבאלד עס האט א קדושה און דער אייבערשטער שיצט אונז אין די סוכה פון די מזיקים, און אויך פון א רוח רעה, אזוי ווי מיר זעהן אז כאטש די גמרא זאגט אין מסכת שבת (דף קנ"א) אז א מענטש זאל נישט שלאפן ביינאכט אליין אין א שטוב צוליב א סכנה, און דער גר"א (במעשה רב אות רכ"א) האט געזאגט אז אין די סוכה מעג מען יא שלאפן אליין, ווייל דער אייבערשטער שיצט אונז.

אנדערע טענה'ן אז עס יא א ראיה פון א סוכה, ווייל מען זעט דאך אז מען דארף וואשן נעגל וואסער אפילו ווען מען שלאפט אין סוכה, זעט מען אז אפילו אין א סוכה איז שייך א רוח רעה, און פונדעסטוועגן איז מען געשלאפן ביי רבי יהודה אונטערן בעט, און אויף די טענה אז מען מעג שלאפן אליין אין א סוכה, זעט מען אז אין א סוגה איש נישטא א רוח רעה, דאס איז נישט קיין ראיה, ווייל די סכנה פון נישט שלאפן אליין, איז נישט די זעלבע רוח רעה, ווי די רוח רעה פון אונטערן בעט.

און עס איז דא נאך א טענה, ווייל לויט די מתירים דארף אויסקומען אז מען זאל מעגן אפילו לכתחלה לייגן מאכלים ומשקאות אונטערן בעט אין א סוכה, ווייל עס איז דאך נישטא קיין רוח רעה אין די סוכה, און מען טרעפט נישט אין די פוסקים ווער ס'זאל דאס מתיר זיין אפילו לכתחלה.

אלא מאי מוז זיין אז וועגן דעם איז מען געשלאפן ביי רבי יהודה אונטערן בעט, ווייל די רוח רעה גייט ארויף נאר אויף אוכלין ומשקין, און נישט אויף א מענטש.

עס איז דא ווער עס שרייבט אז מען קען זיך נישט אראפלערנען פון רבי יהודה אז ביי א מענטש איז נישט שייך די רוח רעה, ווייל די הייליגע תנאים רבי יהודה מיט זיינע חברים זענען געווען הייליג, און ביי זיי איז נישט שייך געווען א רוח רעה, אבער ביי אנדערע מענטשן וואס איז יא שייך דער רוח רעה, טאר מען נישט שלאפן אונטער א בעט (ספר האשל, ליקוטי שושנים מערכת א' אות י"ח).

עס איז דא ווער עס שרייבט א היתר ביי א באנג בעט, לויט ווי דער קרן לדוד (שו"ת קרן לדוד סי' א') שרייבט, אז אויב א בעט איז העכער 10 טפחים, איז נישטא קיין קפידא אויף די מאכלים וואס זענען געלעגן אונטערן די בעט, ווייל יעדע זאך וואס איז הויער 10 טפחים ווערט גערעכנט פאר א אנדערע רשות, און אזוי ווי ביי א באנג בעט איז געווענדליך דא צווישן די אובערשטע בעט און די אונטערשטע מער פון 10 טפחים, איבער דעם איז נישט קיין קפידא צו שלאפן אויף די אונטערשטע בעט אפילו בשעת איינער שלאפט אויף די אויבערשטע בעט.

און וויבאלד אין די פוסקים ווערט נישט דערמאנט די חידוש, דעריבער נעמט מען דעם היתר נאר בדיעבד, אבער לכתחלה איז מען מחמיר נישט צו לייגן קיין מאכלים ומשקאות אונטער א בעט א בעט אפילו ווען עס איז העכער 10 טפחים.

### הלכה למעשה

א מענטש מעג אפילו לכתחלה שלאפן אויף די אונטערשטע בעט פון א באנג בעט, וויבאלד עס זענען דא פוסקים וואס האלטן אז ביי א מענטש איז בכלל נישט שייך די קפידא, און עס זענען דא וואס האלטן אז אויב עס איז דא א הפסק פון צען טפחים צווישן די אויבערשטע בעט און די אונטערשטע, איבער דעם פארלאזט מען זיך מתיר צו זיין אפילו לכתחלה, ווייל געווענדליך איז דא צווישן די אונטערשטע בעט און די אויבערשטע בעט צען טפחים, און אזוי איז איינגעפירט, אז מען נוצט באנג בעטס, און מען שלאפט אונטער די אויבערשטע בעט.

אבער ביי עסנווארג און געטראנק פארלאזט מען זיך נישט מתיר צו זיין צו לייגן לכתחלה אונטער די אויבערשטע בעט, אפילו עס איז דא צווישן די אויבערשטע בעט און די אונטערשטע בעט צען טפחים, וויבאלד ביי עסנווארג און געטראנק איז זיכער שייך די קפידא, פארלאזט מען זיך נישט אויף דעם אז עס איז דא א הפסק פון צען טפחים, קומט אויב אז לכתחלה דארף מען אכטונג געבן נישט צו עסן אדער טרינקען אויף די אונטערשטע בעט.

און בדיעבד אויב מען האט געלייגט עסן אונטער די אויבערשטע בעט, מעג מען דאס עסן, וויבאלד עס איז דא צען טפחים, און אויך ווייל לויט טייל פוסקים איז די קפידא נאר ווען די מאכל ליגט אויף די ערד.

און אזוי ווערט געברענגט אז דער בעל שבט הלוי זצ"ל האט גע'פסק'נט, אז אויב מען האט געלייגט א מאכל אונטער די אויבערשטע בעט טאר מען דאס נישט עסן, און ער לייגט צו, אז אויב מען האט געלייגט די מאכל אונטער די אונטערשטע בעט, בשעת מען איז געשלאפן נאר אויף די אויבערשטע בעט, איז בכלל נישט שייך די קפידא, וויבאלד מען איז נישט געשלאפן אויף די אונטערשטע בעט, (קובץ מבית לוי חלק יו"ד צ"ג).

### טז

**שאלה: צי מעג מען לייגן מאכלים ומשקאות אונטער א קינדער**

**וועגעלע [קערידזש], בשעת א קינד שלאפט אין וועגעלע, אויף די באשטימטע פלאץ העכער די רעדלעך, דארט ווי עס איז מיוחד צו האלטן דערין זאכן?**

**תשובה:** עס זענען דא עטליכע טעמים פארוואס מען קען מקיל זיין, (שו"ת מנח"י ח"ד קי"ז), ווי פאלגענד:

1. לויט טייל פוסקים איז בכלל נישט שייך די קפידא ביי קליינע קינדער, אזוי ווי אויבן דערמאנט, און כאטש מיר האבן אויבן געשריבן אז לכתחלה זאל מען מחמיר זיין, אבער דאס איז נאר אונטער א בעט, אבער ביי א וועגעלע קען מען מקיל זיין וויבאלד עס איז דא נאך טעמים מתיר צו זיין.
2. לויט טייל פוסקים איז די קפידא נאר ווען די מאכלים ליגן אויף די ערד ממש, און דא ליגט עס נישט אויף די ערד.
3. עס זענען דא וואס האלטן אז די קפידא איז נאר אונטער די פריוואטע בעט פון בעדרום (מילי דחסידותא).
4. ווייל אין די גמרא שטייט אז די קפידא איז אונטער א בעט, און עס איז א קלער אין די פוסקים צי די קפידא איז נאר אויף א געהעריגע בעט, אדער אויך אונטער א קאוטש וואס איז נישט געמאכט געווארן צו שלאפן דערויף א שינת קבע, און כל שכן ביי א קערידזש וואס טראגט בכלל נישט די נאמען פון א בעט, דעריבער איז נישט שייך ביי דעם א קפידא, סיי ווען די קינד שלאפט, און כל שכן בשעת די קינד שלאפט נישט דערין.

יז

**שאלה: ווען מען פארט א לאנגע נסיעה, למשל פון טאהש-מאנטריאל קיין נויארק, אדער מען פארט מיט א עראפלאן א לענגערע נסיעה, און עס מאכט זיך אז מען שלאפט איין אינמיטן די נסיעה, מעג מען עסן די מאכלים וואס זענען געלעגן אונטער די בענקל, און צי מען מעג לייגן מאכלים אין טראנק וואס איז אונטער א באס אדער עראפלאן?**

**תשובה:** ביי דעם איז אויך דא די פריער דערמאנטע טעמים מקיל צו זיין אפילו צו לייגן לכתחלה.

1. לויט טייל פוסקים איז די קפידא נאר ווען די מאכלים ליגן אויף די ערד ממש, און דא ליגט עס אין די קאר,
2. ווייל אין די גמרא שטייט אז די קפידא איז אונטער א בעט, און א בענקל האט בכלל נישט די נאמען פון א בעט, און נאך עטליכע צירופים.

אבער עס ווערט געברענגט (שו"ת בנין עולם סימן ל"ג) אז דער הייליגער

המשך בע' יב

# קול צהלה ורנה

הננו בזה לשגר כסא דברכתא בברכת מזלא טבא להאברך החשוב והיקר הנכבד והמפואר לב טוב ומטיב לכל, עומד הכן בלב ובנפש במסירת נאמנה בחברת הצלה, ועוזר לחולי ישראל בבית חולים הרחוקים מביתם, בעל קורא מפורסם, מהנה שמחות בית ישראל בגרונו בקול יפה ונעים, מביא ומחזיר תינוקות של בית רבן לתלמוד תורה בזהירות והשגחה מדיוקת, בעל מדות טובות המשמח אלקים ואדם, נחמד למטה ואהוב למעלה, מחשיב מאוד לומדי תורה, ותומך שיעורי תורה ברבים בהשתתפותו בקביעות, ה"ה

**מוה"ר בנימין נחום ברוך בלעקמאן הי"ו**

**אב"י בקרית יואל יצ"ו**

**לרגל שמחתו הגדולה**

**באירוסי בתו הבכירה למזל טוב ובשעה טובה ומצלחת**

**עב"ג החתן משה אליעזר זיידא נ"י**

**בן מוה"ר ברוך מענדל לאנדא הי"ו**

**בן הרה"ח ר' אברהם שלום לאנדא הי"ו - וחתן הרה"ח ר' הערשל (כרא"י) סאנדעל הי"ו**

ויהי רצון מלפני אבינו שבשמים שהזיווג יעלה יפה יפה ויהא בנין עדי עד ותראה דורות ישרים ומבורכים ואך טוב וחסד ירדפוך כל ימי חייך.

המברכים בכל טוב סלה:

**אביך: שלמה בלעקמאן**

**בנך משה נ"ו, ובתך שרה תחי'**

**אחיך יחזקאל משה אלטר בלעקמאן, ובניו: חיים יצחק יוסף, שמואל יעקב, דוד, מיכאל, בנימין זאב, שמעון, משולם פייש. וחתניו: יואל זוסמאן פישער, שלמה ניימאן, מנחם מענדל אהרונאוויץ.**

**אחיך ישראל יקותיאל בלעקמאן, ובניו: יצחק אייזיק, משה זאב, אליקים שמעון, ישעי' דוד. וחתנו: אברהם יוסף הערמאן.**

**אחיך צבי הערש בלעקמאן**

**אחותך מרת פעלדמאן תחי', ובנה מנחם מענדל פעלדמאן**

**דודך הרב אליהו חיים בלעקמאן**

# באור הילולא

תולדות וסיפורים מצדיקים שיודה"ל חל בשבוע הבעל"ט

## הרה"ק האמרי נועם מ'דזיקוב זי"ע

**דעם קומענדיגן ח' תמוז, דינסטאג חקת-בלק הבעל"ט, געפאלט אויס די יומא דהילולא קדישא פון הרה"ק רבי מאיר בן הרה"ק רבי אליעזר זי"ע.**

### ואלה מתולדותיו

דער הייליגער רבי מאיר בעל אמרי נועם מ'דזיקוב איז געבוירן אין יאר תקע"ט. ער איז געווען א תלמיד פון זיין הייליגע פאטער רבי אליעזר מדזיקוב. אין זיין יוגענט האט ער זוכה געווען צו נתחתן ווערן על ברכי זקינו הרה"ק רבי נפתלי צבי מראפשיץ זי"ע, ווי דער זיידע האט זיך שוין דאן אויסגעדריקט אויף אים 'הגאון שלי'.

ווערנדיג עלטער האט ער מקבל געווען תורה, און זיך פארערכנט פאר א תלמיד פון זיין פעטער רבי אשר ישעי' מראפשיץ, און פונעם רבי צבי הירש מ'רימנוב זכותם יגן עלינו.

דער אמרי נועם איז געווען באקאנט מיט זיין געוואלדיגע כח התורה, זייענדיג א גרויסער גדול בתורה.

אין יאר תרכ"א האט ער ממלא מקום געווען זיין פאטער אין שטאט דזיקוב, און תיכף האט זיך אנגעהויבן א געפארעכץ צום אים, כדי נשפע צו ווערן מאור תורתו, אין וועלכער ער איז געווען געוואלדיג גרויס, ווי פון איבעראל האט מען צו אים געשיקט בריוון מיט שאלות, אז דער אמרי נועם זאל ענטפערן און פסק'נען דערויף.

דער אמרי נועם האט איידער זיין פטירה זיך גענומען זאגן די ווערטער 'הנשמה לך והגוף פעלך...', און דערמיט איז זיין הייליגע נשמה ארויס, אום ח' תמוז אין יאר תרל"ח, זייענדיג אויף צרכי רפואה אין שטאט קארלסבאד, אבער איז געקומען למנוחת עולם אין שטאט דזיקוב.

ער האט מחבר געווען די הייליגע ספרים, ווי פאלגענד: 'אמרי נועם' על התורה ומועדים, און 'אמרי נועם' על שאלות ותשובות.

### משניות פאר'ן 'אמרי נועם'?

דער הייליגער אהבת ישראל פון וויזניץ זי"ע, וועלכער איז געווען א איידעם ביים הייליגן אמרי נועם, איז אמאל ביומא דהילולא קדישא פונעם אמרי נועם אריינשפאצירט אין בית המדרש, און אנגעפרעגט די אנוועזנדע חסידים צו מ'האט שוין געלערנט 'משניות' לטובת נשמתו פון זיין הייליגער שווער?

די חסידים וועלכע זענען דארט געשטאנען זענען געווארן זייער פארוואונדערט, און גענצליך נישט פארשטאנען דעם רבי'ן'ס פראגע. דער הייליגער גרויסער צדיק דער אמרי נועם דארף דען צוקומען צו אונזערע משניות לערנען?

דער אהבת ישראל זעהנדיג ווי די חסידים זענען אין פארוואונדערונג, האט ער זיי אנגעהויבן צו דערציילן א מעשה, ווי פאלגענד:

אין יאר אינעם טאג פונעם יארצייט פונעם הייליגער ראפשיצער רב זי"ע, איז דער אמרי נועם אריינגעקומען אין בית המדרש, און איז צוגעגאנגען צו די חסידים, און געפרעגט פון זיי די זעלביגע פראגע, וואס איך האב ענק יעצט געשטעלט. 'האט איר שוין געלערנט היינט עפעס משניות לטובת נשמתו פונעם הייליגן ראפשיצער זיידע?'



# לוח היארצייטן

יארצייטן פון רבותינו הק' ואנשי שלומינו וואס געפאלט אין די קומענדיגע וואך

### זכר צדיקים לברכה

| | | |
|---|---|---|
| ח' תמוז | הרה"ק רבי מאיר בן רבי אליעזר זי"ע - מ'דזיקוב - אמרי נועם | תרל"ז |
| י"א תמוז | הרה"ק רבינו צבי הירש בן רבי יצחק אייזיק זי"ע - מ'זידיטשוב - עטרת צבי | תקצ"א |

### זכר חסידים לברכה

| | | | |
|---|---|---|---|
| ה' תמוז | הרב החסיד ר' מנחם מענדל בן ר' יעקב שמשון ע"ה האס | תשכ"ז | ביה"ח במאנטריאל |
| ה' תמוז | האשה החשובה מרת פייגא בת ר' אברהם יודא הכהן ע"ה פיש<br>אשת הרה"ח ר' ישעי' ע"ה | תשע"ו | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| ה' תמוז | הרב החסיד ר' אלעזר ליפא בן רבי יהודה ע"ה וויינגארטן<br>גיסו של רביה"ק זי"ע | תשמ"ח | ביה"ח בקרית יואל |
| ט' תמוז | הרה"ג ר' אברהם שלמה בן ר' יוסף ז"ל יאוואו | תשפ"ה | הר הזיתים בירושלים עיה"ק |

די חסידים דארט - זאגט דער אהבת ישראל - האבן דאס זעלבע נישט פארשטאנען דעם פראגע ווי עטס. האט זיי דער אמרי נועם געגעבן א ערקלערונג: 'אויב א מענטש לערנט משניות לעילוי נשמתו פון א צדיק וועלכער דארף באמת נישט צוקומען צו זיין משניות לערנען, דאן האט דאס לערנען משניות גאר א גרויסן כח, אויף אזוי' ווייט אז דער זכות דערפון טוט ביישטיין און קומט צוריק צו דעם לערנער זעלבסט.

## ווייט זעענדע אויגן

מאטעק איז געווען א חשובע דערהויבענע דזיקובער חסיד, וועלכער פלעגט וואוינען נישט ווייט פון דזיקוב, און פלעגט כסדר קומען צום אמרי נועם צו מקבל זיין תורה וחסידות.

דער שטייגער ביים אמרי נועם פלעגט זיין, אז יעדע נאכט פלעגן זיך א קבוצה פון דערהויבענע יחידי סגולה צוזאמנעמען ביים אמרי נועם אין שטוב, און דער אמרי נועם פלעגט פאר א לענגערע צייט שמועסן און דערציילן עניני עבודת ה' און סיפורי צדיקים פאר די פארזאמעלטע חסידים דורשים ומבקשים.

איין נאכט האט זיך דער אמרי נועם געגעבן א רוף אן אינמיטן, 'מיר זיצן זיך אזוי דא און מיר באשעפטיגן זיך אזוי אין סיפורי צדיקים ווען מאטעק רייסט שוין וועלטן'...

די חסידים האבן נישט געוואוסט וואס די ווערטער באדייטן, אבער מיט א צייט שפעטער ווען דער חסיד מאטעק איז געקומען קיין דזיקוב, האבן אים די חסידים אנגעפרעגט איבער יענעם נאכט ווען דער אמרי נועם האט זיך אויסגעדריקט 'מאטעק רייסט שוין וועלטן', וואס עס איז פארגעקומען מיט אים.

האט מאטעק ערקלערט פאר די חסידים, מיין סדר הלילה נאכט נאך נאכט איז, אז איך גיי שלאפן, און די ערשטע מאל וואס איך וועק מיר אויף נאכן איינשלאפן, שטיי איך גלייך אויף, און איך זעץ מיר לערנען מיינע שיעורים ביז נאכן עלות השחר.

יענעם נאכט בין איך ווי געווענדליך געגאנגען שלאפן, און באלד ווען איך האב זיך דערוועקט בין איך געגאנגען לערנען. נאך א שטיק צייט האב איך געגעבן א בליק אויפן זייגער, האב איך געמערקט ווי איך בין היינט אויפגעשטאנען גאר פרי, און עס איז נאך דא אסאך צייט ביזן עלות, האב איך זיך צוריקגעזעצט צום גמרא, און ווייטער געלערנט מיט פלייס ביז צום עלות השחר.

און די חסידים האבן דאס געהערט פונעם חסיד מאטעק, האבן זיי שוין פארשטאנען די הייליגע ווערטער פונעם אמרי נועם אין יענע נאכט, ווי ער האט מרגיש געווען ברוב קדושתו וואס עס טוט זיך ביי זיינס א חסיד.

## ווער וועט מיר היטן

איידער די פטירה פונעם אמרי נועם, איז ער שוין געווען גאר שוואך, האבן זיינע מקורבים זיך איינגעבעטן אז לצורך רפואה זאל מען פארן קיין קארלסבאד. האט זיי דער אמרי נועם געענטפערט דערויף: 'ווען מיין טאטע האט געדארפט אוועקפארן פון שטוב זיך צו היילן, צוליב זיין געזונט צושטאנד, האב איך זיך דעמאלטס גענומען אויף זיך, אז איך וועל אים אהיימברענגען לעבעדיגערהייט', האט דער אמרי נועם אויסגעפידט 'ווער איז זיך מקבל מיר צוריקצוברענגען לעבעדיגערהייט'?

למעשה איז דער אמרי נועם איבערגערעדט געווארן, און איז געפארן קיין קארלסבאד, אבער זיין חשש איז פארווירקליכט געווארן, און לעבעדיג איז ער שוין נישט צוריקגעקומען, נאר איז נפטר געווארן אינעם עיר הרפואה קארלסבאד.

## זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן






בס"ד

בית כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
9 רחוב בית הלוי
קרית טאהש, קאנאדא

Secretarial of
Grand Rabbi of Tosh
9 Ave. Beth Halevy, Kiryas Tosh, Boisbriand QC J7E 4H4

בבית Tel. (450) 435-0209 | בבנין הישיבה In Yeshiva (450)430-6420 | פאקס Fax (450) 433-9379

# מודעה

הננו בזה להודיע לכל הקהל הקודש הע"י אשר

כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

ישבות

שב"ק פר' קרח הבעל"ט

במיוחד עם בחורי ישיבתינו הקדושה

ישיבה גדולה אור החיים

* * *

להזכרות, קבלת קהל ולערוך שמחות וכדו'
יכולין להתקשר אל המשב"ק
450-435-0209

בכבוד רב
העומדים על משמרת הקודש

# מאור התורה

ציצים ופרחים על עניני הפרשה

## פרשת קרח - ציצים ופרחים על מעשה קרח ועדתו

הרה"ק מ'פאריסוב זי"ע בן הרה"ק היהודי הקדוש מפרשיסחא זי"ע האט געזאגט אז א יעדער איד גייט דורך יעדע יאר די גאנצע תורה.

אן ערליכע איד, ווען ער קומט אן צו די סדרות פון די בניית המשכן און פון די קרבנות, דארט איז ער מעיין און דארט איז ער זיך מדבק, און ווען ער קומט אן צו די סדרות פון קרח וכדומה, דארט לערנט ער עס בדרך העברה בעלמא, און ווער עס איז נישט קיין ערליכע איד טוט פונקט פארקערט.

*

דער הייליגע חוזה פון לובלין איז באקאנט אז ער איז געווען פון די משפחת הארוויץ וואס ציען ארויף זייער יחוס בן אחר בן ביז צו קרח, און דער חוזה פלעגט אים רופן די הייליגע זיידע קרח, און ער פלעגט אסאך מלמד זכות זיין אויף אים.

אויף דעם האט דער הייליגע'ר רבי איציקל סטיטשינער דערציילט, אז דער הייליגע קאזניצער מגיד זי"ע האט געזאגט אז מען קען נישט רעדן גוט'ס אויף קרח, ווייל ער האט דאך מצער געווען משה רבינו, און מען קען אויך נישט רעדן שלעכטס אויף אים, ווייל ער איז דאך די זיידע פונעם הייליגן חוזה.

אין ספר עבודת ישראל פון קאזניצער מגיד איז טאקע נישט דא קיין דברי תורה אויף פרשת קרח.

*

הרה"ק ר' משה מ'סאמבור זי"ע (עס איז דא וואס דערציילן עס אויף זיין ברודער הרה"ק ר' בעריש מ'זידיטשוב) איז אמאל געפארן אויף שב"ק פרשת קרח קיין סטרעליסק צום הייליג'ן סטרעליסק'ער, און די הייליגע סטרעליסק'ער האט געזאגט תורה, און אינמיטן האט ער געזאגט אז די מחלוקת פון קרח מיט משה רבינו, איז אזוי ווי די מחלוקת רש"י מיט רבינו תם, און ר' משה מ'סאמבור האט נישט פארשטאנען וואס די סטרעליסק'ער האט געמיינט מיט די ווערטער, שפעטער האט אים די סטרעליסק'ער געזאגט, אז ווען ער גייט אהיים זאל ער איבער דערציילן די ווארט פאר זיין ברודער דער הייליגער עטרת צבי, און דער עטרת צבי' זאל אראפשרייבן א פירוש אויף מיינע ווערטער, און די קומענדיגע מאל וואס ער קומט צוריק אויף סטרעליסק זאל ער ברענגען די צעטל מיט די פירושים.

און ר' משה מ'סאמבור האט דאס מקיים געווען, און ווען ר' אורי מ'סטרעליסק האט געזעהן די פירושים פונעם עטרת צבי, האט ער געזאגט, אז דאס איז טאקע געווען מיין כוונה, אבער איך האב נאך אסאך פירושים וואס איך האב מכוון געווען מיט די ווערטער.

*

הרה"ק ר' וואלף מ'סטריקוב זי"ע האט געזאגט א טעם בדרך מליצה, פארוואס עפעס איז די שטראף פון קרח ועדתו געווען צו ווערן איינגעשלינגען אין די ערד, ווייל משה רבינו איז געווען 'עניו מאד מכל הארץ אשר על פני האדמה', אז אין זיינע אויגן איז ער געווען אזוי קליין ממש ביז די ערד, און די עדת קרח האבן נאך אלץ גע'טענה'ט צו אים 'מדוע תתנשאו על קהל ה'', אויב אזוי' אויב די ערד איז פאר זיי נאך אלץ גאוה, און דאס איז נאך אלץ זיך האלטן צו גרויס, איז די איינציגסטע פלאץ ווי זיי קענען גיין איז אונטער די ערד. ודפח"ח.

*

הרה"ק ר' יששכר דוב מבעלזא זי"ע האט געפרעגט, ווי אזוי קען זיין אז משה רבינו די רועה נאמן וואס האט ליב געהאט א יעדע איד, אז ער זאל זיי זאגן שירדו חיים שאולה, אזא שווערע עונש. נאר וואס דען, יעדער איד, נישט קיין חילוק אין וועלכע מצב ער איז, קען ער אלעמאל תשובה טון, אבער איינמאל ער שטארבט האט ער פארלוירן די געלעגנהייט, ווען דעם האט משה רבינו מתפלל געווען פאר זיי, אז אפילו זיי זענען ירדו שאולה, זאל עס זיין בחיים אז זיי זאלן נאך קענען תשובה טון.






# פתיחת כלים בשבת

בו יתברר האיך לפתוח בשבת כל מין כלי כדרכו ואופנו
נכתב ע"י הרה"ג ר' **נתן ירמי' גאלדשטיין** שליט"א בעל מח"ס מגדנות נתן

## סעיף ד

**טאבלעטן** (פילן) **אדער נאש** (אזוי ווי גא"ם) **וואס קומען געפאקט איינציגווייז אין פלעסטיק, און צוגעדעקט פון אונטן מיט זילבער פאפיר** (אלומינום)**, און כדי ארויס צונעמען דעם טאבלעט שטופט מען די טאבלעט אויפרייסנדיג די זילבער-פאפיר פון אונטער דעם.**

אויב עס איז נישטא קיין אויפשריפטן, מעג מען ארויסשטופן דעם טאבלעט, און אויפרייסן די זילבער פאפיר צו קענען ארויסנעמען די טאבלעטן. אבער אויב עס איז דא דארט אויפשריפטן, און מען קען נישט אכטונג געבן נישט אריינצוררייסן אין די אותיות, זאל מען נישט ארויסשטופן די טאבלעט דורכן זילבער פאפיר, נאר מען זאל אויפשניידן די פלעסטיק פון די אנדערע זייט וואו עס איז נישטא קיין אויפשריפטן, און פון דארט ארויסנעמען די טאבלעט.

## סעיף ה

**קענס פון בעיבי פארמולא מיט פלעסטיק דעקלען** (צ.ב. קענדאמי"ל, מטורנ"א) [וואס ווען מען עפנט די דעקל ברעכט זיך אפ אויף איין זייט די אויבערשטע חלק פון די אונטערשטע, און אונטער דעם איז דא א זילבער פאפיר אריפגעקלעבט אויפן עפענונג וואס מען דארף אויפרייסן, טייל פון די קענ'ס האבן א אויך א לעפל באהאפטן אינעווייניג פונעם דעקל וואס מען דארף אפברעכן]**.**

**[א] די פלעסטיק דעקל טאר מען** נישט עפענען אויף דעם געווענליכן אופן אז עס זאל זיך אפברעכן אויף איין זייט די אויבערשטע טייל פון די אונטערשטע טייל.

**די עצה:** מען קען אראפשלעפן די דעקל גאנצערהייט פונעם קען, אזוי אז עס זאל זיך גארנישט צוברעכן (עס איז נישט אזוי שווער דאס אראפצושלעפן).

**[ב] די לעפל** (וואס מיט דעם מעסט מען וויפיל פארמולא מען דארף פאר קינד) וואס איז באהאפטן צום דעקל, טאר מען נישט אראפברעכן (ער זאל נוצן אן אנדערע לעפל), און ווילאנג עס איז נאך באהאפטן צום דעקל טאר מען עס אויך נישט נוצן צו מעסטן דערין וויפיל פארמולא מען נעמט, אויסער אויב עס איז וויכטיג צו מעסטן פאר א קליין קינד און מען האט נישט קיין אנדערע לעפל צו נוצן פארדעם.[1]

[ג] די זילבער פאפיר אונטערן דעקל טאר מען נישט עפענען.[2]

**די עצה:** אויב מען דארף האבן די פארמולא פאר א קליין קינד און מען האט נישט קיין אנדערע, מעג מען עס עפענען מיט א **שינוי** (צ.ב. מיט די פארקערטע זייט פון די האנט, זעה בילד).

טאמער מען עפנט שבת די זילבער פאפיר מיט א שינוי, זאל מען נישט אוועקלייגן די לעפל (וואס קומט מיט דער קען) אין די קען אפילו נאך שבת, אויך זאל מען נישט צוריק גיסן קיין פארמולא אין דעם קען (למשל ווען ער נעמט ארויס פארמולא מיטן לעפל פארן קינד, און עס איז דא צופיל אינעם לעפל) **אפילו נאך שבת** (כדי עס זאל נישט ווערן קיין פתח להכניס ולהוציא).[3]

---

1 ארויסצונעמען די פארמולא מיט א לעפל וואס מען נוצט 'אויך' אויף צו מעסטן איז געווענליך נישט קיין פראבלעם, וויבאלד נישט 'אלעמאל' נוצט מען דעם לעפל צו מעסטן, ממילא דערקענט זיך נישט אז מען וויל יעצט מעסטן. אבער אויב מען נעמט נישט ארויס די פארמולא מיט דעם לעפל, נאר מען וויל אריינגיסן די פארמולא אין דעם לעפל נאר אויף צו מעסטן, דעמאלטס דערקענט זיך אז מען מעסט, און דאס מעג מען נאר ווען עס איז וויכטיג פאר א קליין קינד אויב מען קען נישט אנדערש.

2 וועגן איסור פון מאכן א "פתח" (זעה פרק ג').

3 די היתר צו עפענען מיט א שינוי ווען עס איז זייער וויכטיג, איז וויבאלד דאס איז נאר אן איסור דרבנן. ווייל די עפענונג [פתח] פונעם קען נוצט מען נאר צו ארויסנעמען פון די פארמולא, און מן התורה איז נישט אסור ווען מען מאכט א עפענונג [פתח] נאר אויב עס איז געמאכט סיי אויף ארויסצונעמען און סיי אויף אריינצולייגן [להכניס ולהוציא], אבער אויב עס איז געמאכט נאר אויף ארויסצונעמען איז עס נאר אן איסור דרבנן (זעה פרק ג' סעיף א'). וועגן דעם האבן מיר געשריבן אז ער זאל נישט צוריק לייגן די לעפל אין די קען אפילו נאך שבת, און אויך זאל ער נישט צוריקלייגן פון די פארמולא נאכן ארויסנעמען, ווייל דעמאלס וועט דער עפענונג [פתח] זיין א פתח אויך אויף אריינצולייגן, וואס איז אסור מן התורה, און מען טאר דאס נישט עפענען אפילו מיט א שינוי.

לאור
# באור החיים



## א טיפערע אריינבליק איבער די רוחניות'דיגע אנטוויקלונגען בישיבה של רבי

### סדרי לימוד שעות רצופות בלימוד חבורת קנין שלם כהכנה דרבה צום דערהויבענעם פריוואטע שבת התרוממות בני חביבי

במשך די פארלאפענע וואך איז פארגעקומען אין עטליכע טעג נאכאנאנד, סדרי לימוד שעות רציפות זיך גרייטענדיג בהכנה דרבה צום הייינטיגן שבת התרוממות בני חביבי בראשות כ"ק מרן רבינו שליט"א, ווי מען האט איבערגע'חזר'ט די לימודים פון פרק יש נוחלין אין מסכת בבא בתרא וועלכע מ'לערנט אין ישיבה.

במשך די טעג האט אויך אויפגעטרעטן די מגי"ש הרה"ג ר' חיים סג"ל קרויס שליט"א, וועלכע האט ארומגערעדט דברי הכנה צום שבת קודש, און אז די תלמידים דארפן זיך מאכן די ריכטיגע כלים צו קענען מקבל זיין די השפעות השבת, און די ריכטיגע כלי און הכנה דערצו איז טאקע לימוד התורה בהתמדה וברציפות.

עקסטער האט די מגי"ש שליט"א ארומגערעדט בשבח פון די תלמידי שיעור ב' וועלכע האבן זיך שוין פארהערט אין די לעצטערע וואכן איבער 200 בלאט, אינערהאלב די גאר חידש'פולע און שטארקע חבורה קנין שלם - ווי מ'חזרט כסדר איבער די אלטע בלעטער און מ'פארהערט זיך עס ביי די מגי"ש בע"פ ישר והפך - און ב"ה מ'האלט שוין נענטער ווי ווייטער צו ענדיגן גאנץ בבא בתרא בעל פה ישר והפך דעם קומענדיגע סוף זמן הבעל"ט.

*

### תלמידי שיעור ג' חזר'ן און שטעלן זיך צום פארהער אויף גאנץ הל' מליחה

די תלמידי שיעור ג' וועלכע האבן במשך די יאר געלערנט הלכות מליחה, האבן אין די לעצטערע וואכן געהאט א סדר החזרה אויף די גאנצע מקצוע, מיט'ן ציל צוזאמ-נעמען די לימודים כמונח בקופסא מיט א פעסטע שלימות.

די פארלאפענע מאנטאג נאכט זענען די תלמידים אריינגעפארן קיין מאנטריאל זיך צו פארהערן די גאנצע מקצוע ביי הרב הגאון רבי יוחנן וואזנער שליט"א ראב"ד סקווירא, וועלכע האט פארהערט די לימודים פאר א לענגערע צייט, און עס האט זיך ב"ה דערקענט די ידיעות ובקיאות אין די מקצוע וועלכע די תלמידים זענען גוט אויסגעקאכט דערין.

נאך די פארהער האט די סקווירא דיין שליט"א זיך נאכגעפרעגט בפרטיות אויף יעדע בחור און משמיע געווען דברי חיזוק פאר די תלמידים ווייטער אנצוגיין בלימוד התורה און ענדיגן די הוראה בס"ד.

*

דעם קומענדיגן מיטוואך פארטאגס האבן די תלמידים געהאט די זעלטענע זכי' צו דאווענען א תפלת שחרית אינאיינעם מיט כ"ק מרן רבינו שליט"א אינעם הייליגן נאסטאלגישן בית מדרש הפרטי פון רביה"ק זי"ע. מען האט אפגעראכטן א תפלת שחרית מיט א התעוררות והתלהבות נפלאה, צום עמוד איז צוגעגאנגען החתן יעקב חיים סג"ל טירנויער נ"ו.

נאכ'ן דאוועגען איז פארגעקומען א מסיבת לחיים לרגל די געהויבענע שמחה פון סיום הלכות מליחה, ווי די רבי האט פארפירט מיט די אנוועזנדע תלמידים א שיינע שמועס, ווי קרוב צו א האלבע שעה האט די רבי פארציילט זכרונות ימי קדם, און אינטערעסאנטע ענינים פון די אינגע יארן ווען די רבי האט געלערנט די מקצועות און זיך פארהערט דערויף, און דערמיט מחזק געווען די תלמידים נישט זיך אפצושטעלן דא, נאר גיין ווייטער מחיל אל חיל און לערנען און קונה זיין נאך מקצועות התורה.

נאכ'ן מסיבת לחיים זענען די בחורים צוגעפארן צום מרביט בית השחיטה, ווי די משגיח אויפן ארט מוה"ר משה אשר ראזענבערג הי"ו האט צו-געוויזן פאר די תלמידים אלע שיטות און הלכות וועלכע מען האט געלערנט משך די זמן.

*

## דערהויבענע סעודת רעווא דרעווין אויף א פריוואטע פארנעם

פארלאפענע שב"ק פר' בהעלותך בעת ווען כ"ק מרן רבינו שליט"א האט געפראוועט איניינעם מיט די תלמידי ישיבה גדולה תורת משולם פייש אין ניו יארק, האבן די תלמידי הישיבה מיטגעהאלטן א דערהויבענע שלש סעודות בראשות הרה"ג רבי חיים ברוך יודא לייפער שליט"א.

בעת די של"ש האט רבי חיים ברוך שליט"א משמיע געווען פאר די תלמידים דברי תורה והתחזקות, און פארברענגט בניגוני שירה וזמרה פון די אלטע היים וועלכע האט זיך פארצויגן פאר לאנגע שעות אריין אין מוצאי שבת, און האט איבערגעלאזט א שטארקע השפעה אויף די תלמידים.

## מעכטיגע קנאת סופרים שטעלט זיך ארויס ביים מכירת הזכותים לקראת דעם דערהויבענעם 'שבת בני חביבי' בנוכחותו פונעם ריש מתיבתא קדישא כ"ק מרן רבינו שליט"א

**כהכנה צום גרויסארטיגן שבת התרוממות 'בני חביבי' דעם היינטיגן שב"ק פרשת קרח, ווען תלמידי ישיבתינו הק' האבן די זכי' אז מרן רבינו שליט"א טוט פראוונען א פריוואטע שבת בנאות דשא צווישן די קאנאדישע בערג, איז דעם פארגאנגענעם מיטוואך שלח נאך תפלת מנחה פארגעקומען בהיכל הישיבה א אייגנארטיגע מעמד מכירת זכותי השבת ווי מען האט פארקויפט אלע זכותי השבת פאר קרוב צו 2000 בלעטער גמרא און 1500 שעות רצופות, וועלכע וועט געלערנט ווערן ביז דעם יומדהל"ק פונעם הייליג'ן אור החיים הקדוש זי"ע וועלכע די ישיבה און קהילתינו הק' איז נקראת על שמו.**

**מרן רבינו שליט"א איז ערשינען אין ישיבה נאכדעם וואס די תלמידים האבן גענדיגט דאווענען מנחה, און דאן האט הרה"ג המנהל שליט"א אויפגעטרעטן מיט קורצע דיבורים, איבערגעבנדיג א גרוס פאר'ן רבי'ן איבער די התמדת התורה פון די תלמידי הישיבה, און די געוואלדיגע השתוקקות וועלכע די בחורים האבן צום בעפארשטייענדע שבת וועלכע די רבי וועט פראוונען פריוואט, ווי די בחורים גרייטן זיך מקבל צו זיין תורה והדרכה.**

**דאן האט די מנהל שליט"א פארקויפט אלע זכותים אין וועלכע די בחורים קענען נעמען א חלק דערינען, צווישן אנדערע די עליות לתורה, כיבודים ביי די סעודות, הגבהות הכוס, י"ב חלות, א.א.וו. אין וועלכע די תלמידים האבן געצויגן און זיך מקבל געווען מוסיף צו זיין חיל לאוריתא, און דערמיט קענען זוכה זיין אין איינע פון די זכותי השבת.**

**רבינו שליט"א האט גענאסן פון די מחזה הוד הויפענעס קוועלער פון הנאה און קורת רוח, צוזעהנדיג ווי זיינע געטרייע באליבטע תלמידים זענען משתוקק ללימוד התורה, און דאס איז זייער שטרעבן און ציל זייענדיגע צווישן די ישיבה וועגט אין די גאלדענע ישיבה גדולה יארן, און פון גרויס התרגשות האט די רבי אנגעוואונטשן ברכת קדשו פאר די תלמידי הישיבה.**

**שפעטער אין טאג האט הרה"ג המנהל שליט"א איבערגעגעבן פאר די תלמידים בשם רבינו שליט"א, אז די רבי האט אויסגעדריקט רצון קדשו, אז די בחורים וועלכע האבן געקויפט די זכותים זאלן זיך פארצייכענען די שעות און די בלעטער, און עס איבערגעבן אינעם יומדהל"ק פונעם הייליגן אוה"ח הק' הבעל"ט.**

איבערצוגעבן אייער בריוו

שיקט א בריוו אויף
**פאסט**
11 Van Buren Dr. #205
Monroe, NY 10950

שיקט א
**פעקס**
845.610.8674

לאזט א מעסעדזש אויף
**קול איחוד**
718.451.8674
Ext. 841

וויבאלד עס נעמט צייט צו מגיה זיין די בריוון אין דעם אפטיילונג כראוי, ביטע אנטשולדיגן אויב זעהט איר נאך נישט גלייך אייער מעסעדזש אדער בריוו אינעם מדור.


## עוד הנהגות בהנחת תפלין

לכבוד מערכת באור החיים הע״י. בנוגע מנהגי רביה״ק זי״ע האבן מיר געהערט נאך צווי הנהגות פון הרה״ג ר׳ **ישעי׳ סג״ל קרויס** שליט״א מנהל הת״ת

א. בשעת לייגן תפילין של יד (פאר׳ן לייגן די של ראש) האט דער רבי ארומגעדרייט די רצועה אויף די כף היד, און בשעת׳ן זיך אפוואשן האט ער געגאסן די וואסער אויף די האנט און אויף די רצועה הכרוכה וואס איז געווען דארטן, און אזוי האט ער אים אויך געזאגט צו טון.

ב. ווען מ׳לייגט די רצועות אויף די מיטעלסטע פינגער האט ער געזאגט אז מ׳זאל עס מאכן באופן אז ס׳זאל זיין אפגעטיילט איין פון צווייטן אזוי ווי טרעפעלעך.

איין וויכטיגע הערה, וואס מיר האבן געשריבן צווי וואכן צוריק אז רביה״ק זי״ע האט בשעת׳ן צוזאמלייגן די תפילין געלייגט א רצועה אויפן יוד פונעם קשר כדי דאס זאל אייביג זיין דבוק, שמענן מגדולי התלמידים אז דאס איז נישט ריכטיג נאך דער רבי האט געלייגט די רצועה אויף די אנדערע זייט.

בכבוד רב
מיכל מאסקאוויטש

המשך מע׳ ה

גר״א זצ״ל האט מחמיר געווען ביי צוקער וואס איז גלעגן אין א קעסטל, און איינער איז געשלאפן אויף די קעסטל, אז מען זאל ארייןווארפן די צוקער אין טייך, אז קיינער זאל דאס נישט עסן, זעט מען לכאורה אז ער האט מחמיר געווען אפילו ווען די מאכל איז נישט אויף די ערד ממש, און אפילו א קעסטל וואס איז נישט קיין בעט.

אבער עס איז דא ווער עס שרייבט אז די מעשה ביים גר״א איז געווען אז יענער מענטש איז געשלאפן אויפן קעסטל א שינת קבע, דאס מיינט אז ער האט דאס געניצט אזוי ווי א בעט, אבער ווען מען פארט מיט א קאר, באס, עראפלאן, און מען שלאפט איין זיצעדיג אויף א בענקל, אפילו מען שלאפט עטליכע שעה איז נישטא די קפידא (שו״ת תשובות והנהגות ח״א סימן ח׳).

און כל שכן אז מען מעג לייגן מאכלים אין טראנק וואס איז אונטער א באס אדער עראפלאן, ווייל דאס איז אין א אנדערע רשות.

המשך מע׳ ג

ווי אויפ׳ן שטעקן האבן ארויסגעשפראצט גרינע בלעטער און עס האט זיך אויך באוויזן דארט א פרי.

״קום צוריק!״ שרייט די אפטא רב צום מומר, נישט קענענדיג זיך בארואיגן פון דעם גרויסן וואונדער וואס ס׳האט פאסירט. דער רב האט זיך אוועקגעזעצט מיט אים און האט אים אנגעהויבן צו לערנען דרכי תשובה. דער מומר׳ס נשמה האט זיך גערייניגט, און ער האט זוכה געווען צו טון א תשובה שלימה.

צופרי ווען ער איז ארויס פון רב׳ס הויז, און האט זיך געוואנדן צו זיין פאלאץ, האט ער פון דערווייטנס דערזען ווי גרויסע פלאמען פייער גייען ארויס פון זיין פאלאץ. אלעס וואס האט זיך דארט געפונען האט זיך פארברענט. ער האט יעצט שוין געקענט עפענען א נייע בלעטל...

דער אפטער רב האט פארענדיגט די מעשה, און האט אויסגעפירט: ״אין אמאליגע אידן האט מען געקענט באווייזן אזעלכע וואונדער, אבער היינט, קען דאס דען פאסירן.

נאכן פארציילן דעם פאסירונג איז דער הייליגער נעשכיזער געבליבן שטיין א ווילע, און דערנאך צוגעגעבן: ״און אפשר דאך? א גוטע נאכט״...

צומארגנס האט מען זיך דערוואוסט אז יענע נאכט איז פארברענט געווארן א גרויסע פאלאץ נישט ווייט פון שטאט, און דער אייגנטומער, וועלכער איז געווען א איד וואס האט זיך ל״ע גע׳שמד׳ט, איז נישט געווען אינעווייניג, ווייל ער איז פונקט געווען ביים יריד, דער איד איז מער נישט צוריקגעקומען, ווייל ער האט זיך אומגעקערט צום אידישן וועג.

# בהיכל הישיבה

א בליק
אינעם תורה פעסטונג
**ישיבה גדולה**
**תורת משולם פייש**
**ד'טאהש**
ניו יארק יע"א

תנו שבח ושירה לקל אשר שבת ברא ולנו בו נתן תורה

## שבת קודש פר' בהעלותך מיוחד לתלמידי הישיבה - "שבת לפני הילולא קדישא" של רבינו מרן השרף זצוק"ל ריש שושילתא קדישא, בתוככי ישיבתינו הק' - ישיבה של רבי

### אומפארגעסליכע התרוממות'דיגע טעג זענען פארריבער בצילא דמהימנותא קדישא של הוד כ"ק מרן רבינו וראש ישיבתינו שליט"א

הכנה דרבה מיט שעות רצופות || **תפלת שחרית ערש"ק** || מכירת הזכותים נוכחת פון רבינו שליט"א || **געהויבענע מעמד הנחת אבן הפינה** || הדלקת הנרות ושיר השירים || **תפלת מנחה וקבל"ש** || דרשת הכנה לשבת || סעודת חקל תפוחין קדישין פרטי || **שפאציר מיט רבינו שליט"א על שטח הישיבה** || תהלים מיט גרויס התעוררות || **פסוקי דזמרה, שחרית, קריאת התורה, מוסף** || סעודת עתיקא קדישא || **פרק שיעור** || מנחה || **התעוררות'דיגע שלש סעודות** || מעריב || הבדלה || **שיחות קודש** || מלוה מלכא || **סיומי מסכתות** || כי אורך ימים || **תפלת שחרית ופרידה יום א'**

שטארק מערקבארע רישומא דקדושה פון דעם דערהויבענעם באזוך פון רבינו שליט"א זעהט זיך אן אויף די תלמידי הישיבה אין אלע הינזיכטן בין כותלי הישיבה

# כְּרוֹעֶה עֶדְרוֹ יִרְעֶה וּבְחֵיקוֹ יִשָּׂא

**עס איז באמת נישט גרינג צוזאמצוקלויבן די מחשבות, און צו אריענטירן די רגשי הלב און די געהויבענע געפילן וואס שטורעמען אין הארץ, און עס אויסגיסן אויפ'ן פארעם פונעם בלויז-טרוקענעם פאפיר. דער "איה שוקל ואיה סופר" באקומט א נייע באדייט ווען מען דארף זיך נעמען צו דער אויפגאבע צו ברענגען א באריכט אויף דעם דערהויבענעם שבת קודש וואס תלמידי ישיבתינו הקדושה האבן מיטגעלעבט און זענען געווען אין אן העכערן אטמאספערע דורכאויס די ליכטיגע שעות בצילא קדישא.**

**עס איז קוים פאריבער זינט דאן קארגע צוויי וואכן, ווען מיר קלויבן צוזאם מיטן ציל ארויפצושרייבן כאטש א מעין פון וואס מיר האבן מיטגעלעבט, די הייליגע תפילות בוקע רקיעים, די לעכטיגע סעודות שבת, וואס זענען ווירקליך געווען בבחינת הדרא דלא אפשר למפרט בשפוותא, און וועלן אויף אייביג בלייבן איינגעקריצט על לוח לב פון יעדער באזונדער מתלמידי ישיבתינו הק', א מחזה וואס לאזט זיך שווער ארויסברענגען מיט ארימע ווערטער אויף טרוקענע פאפיר. עס איז געווען אסאך מער ווי א היסטארישע איבערלעבעניש, און גאר טיפער ווי בלויז א פריוואטע שבת וואס מען האט מיטגעהאלטן, דאס איז א טיפע קשר צו דער רועה נאמן אבינו רועינו, און א חביבות און הערצה וואס יעדער תלמיד הישיבה טראגט מיט זיך צום רבי'ן שליט"א און טוט פארשטיין. אלעס פונעם שבת איז געווען איין לאנגע קייט און א חטיבה אחת פון "הויכפונקט" און "קלימאקס", אבער דאך וועלן מיר כאטש עפעס פרובירן ארויפצוגעבן וויפיל מען קען, ובשם ה' נעשה ונצליח.**

## הכנה דרבה מיט שעות רצופות ועוד

די הכנות צום שבת קודש האט זיך שוין אנגעהויבן נאך איידערן יום טוב שבועות העעל"ט. ווי נאר מען האט ערהאלטן די בשורה משמחת אז הנה מלכך יבא לך, האט זיך גלייך אנגעזעהן די געוואלדיגע הכנה דרבה בתוככי די ישיבה ווענט, ווי בחורים האבן געהארעוועט און זיך מייגע געווען באהלה של תורה, מיט אן אויסטערלישע התמדה, ובפרט האבן די בחורים געלערנט שעות רצופות דינענדיג אלס הכנה מיטן צוזאמענהאנג בכדי צו קענען קויפן די זכותים פונעם שב"ק וואס האבן זיך פארקויפט פאר צענדליגע שעות רצופות לימוד התורה, און פאר מערערע בלעטער גמרא.

אלס נענטער עס איז געקומען צום שב"ק האט זיך מער און מער געשטארקט די כח התורה והעבודה אין ישיבה.

## תפלת שחרית ערב שבת קודש

ערש"ק אין א פריע שעה האט מען מקבל געווען את פני הקודש פון רבינו שליט"א אנקומענדיג בהיכל ישיבתינו הק', מען האט זיך גלייך געשטעלט דאווענען תפלת שחרית מיט א קאך און מיט א פלאם פייער. צום עמוד איז צוגעגאנגען הבה"ח שמחה אלעזר טייטלבוים ני"ו. נאכ'ן געהויבענעם דאווענען האט דער חשוב'ער מנהל הישיבה הרה"ג ר' מענדל וואלף האלצער שליט"א אויפגעטרעטן מיט פאסיגע דיבורים, מקבל צו זיין דעם גרויסן גאסט כ"ק מרן רבינו שליט"א בברכת ברוכים הבאים, ובמיוחד אין דעם יום המסוגל כ' סיון, און דערביי איבערגעגעבן א גריס פון די בחורים ווי אזוי מען האט אריינגעהארעוועט בתורה ועבודה ובקבלות טובות די לעצטע וואכן צו מאכן א פאסיגע הכנה צום דערהויבענעם שבת קודש בהיכל הישיבה בראשות רבינו שליט"א.

דערנאך האט מען פארקויפט די זכותים וכיבודים במשך שבת קודש, פאר לימוד התורה בשעות רצופות במשך די קומענדיגע וואכן ביזן יומדהל"ק פונעם הייליגן אור החיים הקדוש זי"ע, דעם קומענדיגן ט"ו תמוז הבעל"ט.

די זכותים זענען פארקויפט געווארן בנוכחת פון רבינו שליט"א וועלכע האט געשעפט הויפענעס נחת פון די תלמידים הקרואים בנים. ווען אלעס צוזאמען האט מען פארקויפט צען זכותים, און דאס האט זיך פארקויפט פאר אריבער טויזנט שעה רצופות!, דאן האט רבינו שליט"א האט אויסגעדרוקט רצון קדשו צו האבן אין באזיץ ליסטע פון די זכותים און ווער עס האט דאס געקויפט און פאר וויפיל שעות. והי' על לוח לבו הטהור.

דערנאך האט מען זיך געגרייט בהכנה דרבה צום שב"ק בלימוד התורה ובשעות רצופות.

נאכן מעמד הנחת אבן הפינה (מער זע אין במקהלות) איז מען צוגעטרעטן צום עצם יום השבת נפשי חולת אהבתיך.

## שבת קודש בצל כנפיך יחסיון

הארט פאר'ן זמן הדלקת הנרות איז רבינו שליט"א ערשינען בהיכל



הביהמ"ד וואס איז געווען פראכטפול צוגעגרייט צום שבת קודש וואו עס פאסט פאר אזא געהויבענעם שבת, רבינו שליט"א האט געצינדן די לעכט ביים עמוד לע"נ רביה"ק זי"ע, און דערנאך אריין צום היכל השולחנות און געמאכט דעם עירוב, מיט זיכוי הפת איז מכובד געווארן הבה"ח בנש"ק יעקב ראזענבערגער ני"ו נכד רביה"ק זצ"ל, ווען דערנאך האט רבינו שליט"א געצינדן די נרות שבת, און געזאגט די תפלת שיר השירים אינאיינעם מיט די בחורים. און דאן געוואונטשן פאר יעדן בחור באזונדער בצהלות פניו ברכת "א גוט שבת"

דאן האט מען זיך געשטעלט דאווענען תפלת מנחה ברוב עם, רבינו שליט"א איז כמנהגו בקודש צוגעגאנגען צום עמוד און אראפגעלייגט א פייערדיגע דאווענען ווען אויפן האריזאנט שפרייט זיך אויס די קדושת שבת קודש.

נאכ'ן געהויבענעם תפלת מנחה האט רבינו שליט"א אויפגעטרעטן מיט פלאמעדיגע דברות קודש כהכנה לשבת קודש, און דערביי ארומגערעדט איבער די גרויסקייט פונעם הייליגן שבת, און ווי מען דארף האלטן טייער דעם שבת קודש, רבינו שליט"א האט מאריך געווען בדברות קודש אין דעם מאמר חז"ל מתנה טובה יש לי בבית גנזי ושבת שמה, אז מען ברויך אויסנוצן דעם שבת ווי עס דארף צו זיין.

אזוי אויך האט דער רבי ארומגערעדט אז מען שטייט אין אזא גרויסן שבת, א שבת לפני הילולא קדישא פון הייליגן עלטער זיידען, דער שרף זצ"ל וואס תמיד האט אין אים געברענט און געזיעט די קדושת שבת, און אידן זענען ארויסגעקומען מיט אויסגעוואשענע נשמות נאך א שבת ביים הייליגן שרף זי"ע.

די ישיבה איז נקראת לשמו ולזכרו פון רביה"ק זי"ע, וואס האט געטראגן דעם שם הקודש פון דעם בעל הילולא, זענען די צדיקים אבותינו הקדושים דא מיט אונז.




ווי אויך האט דער רבי ארומגערעדט איבער זיך היטן דאס מויל שבת נישט רעדן קיין דברים בטלים, און דער רבי האט דערמאנט די ווארט פון צדיקים אז מ'זאגט "לכו", פאר די מקטריגים, גייטס אוועק, "נרננה לה'" לאמיר זינגען צום אייבערשטן, און דערנאך האט דער רבי אנגעהויבן מיט א פלאם פייער לכו נרננה לד', ווי די גאנצע בית מדרש איז אריינגעשלעפט געווארן אין א העכערע אטמאספערע, די ביהמ"ד האט געדינערט ווי עס פאסט פאר טאהש'ע בחורים, די דאווענען האט געפלאמט מיט א אש שלהבת קה.

נאכ'ן געהויבענעם דאווענען האט מען געזינגען דעם גוט שבת ניגון, און מען איז אריבער וואונטשן א גוט שבת אל מול פני הקודש.

## סעודת ליל שב"ק

רבינו שליט"א איז ארויס, און מען האט געזינגען עטליכע ווארעמע ניגוני קודש. דערנאך איז דער רבי ערשינען צום היכל השולחנות וואס איז געווען פראכטפול עלעגאנט צוגעגרייט מיט ספעציעלע פלאטפארמעס אלע בחורים זאלן קענען מיטהאלטן. מען האט אנגעהויבן די זמירות; און רבינו שליט"א האט זיך אומגעקוקט מיט גרויס קורת רוח צו מחזה הוד ווען עס איז בניך כשתלי זיתים סביב לשלחניך 'אויף א פריוואטע אופן בלויז דער רבי מיט די בחורים'.

הגבהת הכוס צו קידוש איז מכובד געווארן הבה"ח שמחה אלעזר טייטלבוים ני"ו, נאכדעם האבן אלע בחורים געמאכט קידוש צוזאמען, און דערנאך האט מען זיך געוואשן צום סעודה, און מען האט געגעסן די פיש, און רבינו שליט"א האט זיכער געמאכט אז יעדער האט פון אלעס און דערנאך האט מען געטיילט שיריים.

דאן האט רבינו שליט"א משמיע געווען לענגערע דברות קודש בהדרכה אויף די בחור'ישע יארן, ווי דער רבי האט אויסגעפירט אז די ישיבה איז נקראת על שמו פון רביה"ק זצ"ל "תורת משולם פייש", און די ישיבה איז נגלה, און נסתר, נגלה בתורה הק', און נסתר איז די יראת שמים, אזוי ווי דער אוה"ח הק' האט געהאט צוויי ישיבות איינס פאר נגלה, און איינס פאר נסתר, דא איז אויך דא דער כח פון אור החיים הקדוש, נאך ווען רביה"ק האט גערופן די ישיבה אין קרית טאהש. און רבינו שליט"א האט אויסגעפירט מיט ברכת קדשו.

רבינו שליט"א האט דאן מכבד געווען הרה"ג המנהל שליט"א אויפצוטרעטן לכבוד שב"ק. במשך די סעודה האבן די בחורים געזינגען ניגוני שבת קודש פון וואס דער רבי האט מורא'דיג הנאה געהאט און געהייסן איבערזינגען עטליכע ניגונים, ובפרט ווען מען האט נאך די זופ ניגון געזינגען די ניגון אויף די ווערטער "הוודאי שמו כן תהלתו" פון וואס רבינו שליט"א האט געהאט קענטיגע הנאה.

מיט די זמירות זענען נתכבד געווארן די בחורים החשובים וועלכע האבן געקויפט די זכותים ער"ש מיט שעות רצופות בלמוד התורה, קה אכסוף הבה"ח אהרן משה ראטענשטיין ני"ו - מה ידידות - הבה"ח אלי' שטיין ני"ו - תנו שבח - הבה"ח יהודה אלחנן יוסף שניצער ני"ו, - קה רבון - הבה"ח יעקב ראזענבערגער ני"ו נכד רביה"ק זצ"ל - צור משלו הבה"ח יצחק בנימין ניימאן ני"ו - אז ביום השביעי הבה"ח שלמה זלמן סאמעט ני"ו.

דאס זינגען די זמירות זענען פאריבער מיט גרויס התעוררות והתרוממות, און דערנאך האט דער רבי פארגעלערנט ספה"ק נועם אלימלך, און צוגעענדיגט מיט קורצע דברות קודש.

רבינו שליט"א האט מכבד געווען מיט שיר המעלות הבה"ח אלימלך ב"ר יואל אלחנן פאפלאנאש ני"ו משב"ק ובריח התיכן דישיבתינו הק', און ברכת המזון הרה"ח ר' שמואל דוד גוטמאן שליט"א חבר הנהלת הישיבה, שבח נותנים הבה"ח ליפא שטערן ני"ו, דערנאך האט מען געטאנצן רננו צדיקים, און רבינו שליט"א איז אריין בחדרו הפרטי בבנין הישיבה, וואו דער רבי האט זיך אויפגעהאלטן במשך דעם גאנצן שב"ק.

עטליכע מינוט דערויף איז דער רבי ארויס געקומען צו זיינע געטרייע תלמידים און מיט א ליבליכע אהבה ארומשפאצירט מיט די בחורים לענגאויס דעם שטח הישיבה, און מען האט פארברענגט בדברי תורה וחסידות פון וואס רבינו שליט"א האט גענאסן א שטארקע קורת רוח. דאן איז רבינו שליט"א צוריק אריין לחדרו הפרטי בבנין ישיבתינו הק'.

## וביום השבת

פארטאגס האט זיך שוין אנגעזעהן א ערהאבן בילד וואו חשובע בחורים זיצן

און לערנען גמרא וספרי חסידות.

רבינו שליט"א איז צוגעגאנגען צו אמירת ספר תהלים כנהוג, בשעת עס איז געווען א פילע ביהמ"ד מיט בחורים.

צו פסוקי דזמרה איז צוגעגאנגען הבה"ח אלי' שטיין ני"ו, שחרית הבה"ח אברהם ארי' מאירוביץ ני"ו די דאווענען האט בוקע רקיעים געווען מיט א אויסטערלישע קאך.

בעל קורא הבה"ח יושע אשר זאב סג"ל גאלדשטיין ני"ו, די עליות האבן עולה געווען, כהן - הרה"ח ר' אליעזר צבי הכהן פישער הי"ו משב"ק, לוי - רבינו שליט"א ריש מתיבתא קדישא, שלישי - הרה"ח ר' שמואל דוד גוטמאן שליט"א חבר הנהלת ישיבתינו הק', רביעי - הרה"ג ר' חיים הערש מייזעלס שליט"א ר"מ בישיב"ק ומשגיח בישיבתינו הק', חמישי - הבה"ח שמעון גוטמאן ני"ו, שישי - הרה"ג המנהל שליט"א, שביעי - הבה"ח אלימלך ני"ו בן הרה"ח ר' יואל אלחנן פאפלאנאש שליט"א משב"ק ובריח התיכון דישיבתינו הק', אחרון - הרה"צ אב"ד קהילתינו מאנסי שליט"א ור"מ בישיב"ק, דערנאך האט רבינו שליט"א געמאכט מי שברך לחולי ישראל, מפטיר - הרה"ח ר' ראובן מנחם שווארטץ הי"ו משב"ק, הגבה - הבה"ח יהושע בן הרה"צ אב"ד מאנסי שליט"א, גלילה - הילד משולם פייש בן הרה"צ ר' משה שליט"א.

צו מוסף איז צוגעגאנגען הבה"ח ישראל ראטה ני"ו נכד רבינו השרף זצ"ל, פתיחה לאנעים זמירות הבה"ח רפאל האללענדער ני"ו, נאכ'ן געהויבענעם און פייערדיגען דאווענען איז רבינו שליט"א צוגעגאנגען צום ארון הקודש, און געוואונטשן א גוט שבת פאר אלע בחורים.

דער רבי האט ארויסגעברענגט קורת רוחו פון די פייערדיגע דאווענען אויפן נוסח המקובל.

## סעודת יום שבת קודש

ביי די סעודה עתיקא קדישא בהיכל השולחנות איז מכובד געווארן הבחור החתן נחמן חיים קליין ני"ו מיט הגבהות הכוס. נאך די פיש האט דער רבי מכבד געווען הרה"ג ר' חיים הערש מייזעלס שליט"א ר"מ בישיב"ק ומשגיח בישיבתינו הק' אויפצוטרעטן לכבוד שב"ק.

דערנאך האט רבינו שליט"א משמיע געווען ווארעמע און הרגש'דיגע דברות קודש, און דערציילט א מעשה פון הרה"ק ר' מאיר'ל פון פרעמישלאן זצ"ל אז ער איז אמאל געפארן אויף שבת פרשת נשא קיין בארדיטשוב, און מען האט געפלאנט צו מאכן א מסיבה פאר געלט לטובתו פון ר' מאיר'ל זצ"ל, און צוליב די שווערע וועטער איז רבי מאיר'ל אנגעקומען שוין נאך חצות היום ערש"ק עטליכע שעה פאר'ן זמן, און מען האט פארגעשלאגן פאר רבי מאיר'ל צו מאכן די מסיבה נאך שבת, אבער רבי מאיר'ל האט דווקא געוואלט ערש"ק, אן זאגן א טעם, שבת האט רבי מאיר'ל געזאגט אז ער האט דווקא געוואלט מען זאל מאכן די מסיבה ערש"ק כדי ער זאל זיי קענען בענטשן די אלע וואס האבן געגעבן געלט מיט די פסוק אין פרשת נשא ביום השישי' נשיא לבני גד אליסף בן דעואל, ווי ער האט מסביר געווען אז גד איז ר"ת ג'ומל ד'לים אז דער אייבערשטער זאל באצאלן די וואס העלפן ארימעלייט אז אל יסף מען זאל נישט שטארבן יונג, בן, מען זאל האבן קינדער, דעו, קל, וואס זיי וויסן פונעם אייבערשטן.

רבינו שליט"א האט אויסגעפירט אז ער האט זיך נישט געריכט אז ער וועט דארפן דערציילן די מעשה, נאר וויבאלד ער האט געזעהן די פלאם פייער מיט וואס די בחורים דאווענען, און וויאזוי זיי פראווענען א שבת, און רבינו שליט"א האט זיך אויסגעדרוקט "איך האב נישט קיין איין פראצענט חרטה אז איך בין אהער געקומען, איך האב ב"ה שטארק הנאה, רביה"ק זי"ע האט הנאה, די אבות הק' האבן הנאה, ווייל איך ענק אנוואונטשן מיט די זעלבע ברכה, וביום הששי נשיא לבני גד אליסף בן דעואל אל יסף עס זאלסט נישט שטארבן יונג בן דעו קל, עס זאלסט זיין קינדער וואס וויסן פונעם אייבערשטן, עס מאכסט פאר מיך, און פאר מיין טאטע, רביה"ק א נחת רוח, עס האסט א גרויסע זכות."

במשך די סעודה האט מען געזינגען ניגוני שבת קודש, און מען איז אריבער נעמען שיריים. אז ביום השביעי הבה"ח שמואל מאיר לייפער ני"ו, מיט שיר המעלות האט רבינו שליט"א מכבד געווען הבה"ח אברהם ארי' מאירוביץ ני"ו, און מיט ברכת המזון הרה"ח ר' יואל קלמן הערשקאוויטש הי"ו עסקן נמרץ לטובת ישיבתינו הק', און נאכדעם איז רבינו שליט"א אריין לחדרו הפרטי בבנין ישיבתינו הק'.

## סדרי הלימודים שבת אחצ"ה

במשך די נאכמיטאג שעות האבן די בחורים געווען עוסק בתורה, און איבערגעגאנגען די תוכן דברות קודש פונעם שבת קודש, וועלכע רבינו שליט"א האט משמיע געווען: פאר קבלת שבת. ביים טיש חקל תפוחין קדישין. און ביים סעודה עתיקא קדישא. כדאי עס צו חזר'ן און געדענקן, און די בחורים האבן געלערנט די לימודי הישיבה, און עוסק געווען בספרי דבי רב עבודת עבודה, וספרי חסידות, אזוי אויך איז געווען צוגעשטעלט עונג שבת בהיכל ישיבתינו הק'.

א באזונדערע מחזה איז געווען, ווען די תלמידי הישיבה האבן עוסק געווען בשיעורי הישיבה המיוחד לשבת ווי געוועגליך, און דער רבי האט דאס צוגעזעהן און גאר שטארק הנאה געהאט צוצוזעהן ווי תלמידי הנאמנים נוצן אויס די טייערע צייט, אפילו ביומא דשבתא מיט לימוד התורה כדבעי, און דער רבי האט ארויסגעוויזן א שטארקע קורת רוח.

א שעה פאר מנחה בשעה 7:30 איז געווען א שיעור בפרקי אבות פארגעלערנט דורך הרה"צ ר' אייזיק סג"ל שליט"א ר"מ בישיבתינו הק', ער האט ארומגערעדט איבער גאר שטארקע הדרכה וענינים העומדים על הפרק, ביים סוף שיעור האט מען אנטפאנגען הוד כ"ק מרן רבינו שליט"א ריש מתיבתא קדישא.




## תפלת מנחה וסעודת רעווא דרעווין

דערנאך האט מען זיך געשטעלט דאווענען תפלת מנחה, צום עמוד איז צוגעגאנגען

הבה"ח שמואל מאיר לייפער נ"ו, בעל קורא הבה"ח יהודא אלחנן יוסף שניצער נ"ו, די עליות האבן עולה געווען כהן מוה"ר מאיר יצחק הכהן פישער הי"ו, לוי הרה"ח ר' אהרן מיכאל גבריאל סג"ל קרויס מנאמני בית רבינו שליט"א, שלישי מוה"ר אברהם זאב גוטמאן הי"ו, הגבה כ"ק מרן רבינו שליט"א, גלילה הבה"ח יהודה צבי ראזנבערגער נ"ו נכד רביה"ק זי"ע. נאך תפלת מנחה, האט מען זיך געוואשן צו שלש סעודות - סעודת רעווא דרעווין.

קידוש ביי סעודת שלישית האט רבינו שליט"א מכבד געווען בנו הרה"צ ר' ישראל מרדכי סג"ל שליט"א. דערנאך האט מען מיטגעזאגט און געזינגען די ניגוני ס"ג מיט גרויס התעוררות.

ביי די דברות קודש האט כ"ק רבינו שליט"א משמיע געווען גאר שטארקע דברי הדרכה פאר די בחורים, וויאזוי אויסצונוצן די טייערע ימי הבחרות, און נתעלה ווערן כסדר בתורה ויראת ה' ומדות טובות. רבינו שליט"א האט אויפגעפאדערט עניני עבודת ה', און מ'זאל זיך מחזק זיין ווייטער צו שטייגן. זאגענדיג אז די אבות הקדושים האבן הנאה פון די תלמידי הישיבה, רביה"ק האט הנאה, און זייער זכות איז מגין אויף אונז.

אינמיטן די תורה האט רבינו שליט"א ארויסגעברענגט זיין גרויס התרגשות פון די זכיה וואס ער האט געהאט צו פראווענען א שבת אין ישיבה, דער רבי האט גערעדט ווי א טאטע צו זיינע קינדער, בניך כשתלי זיתים סביב לשלחניך, און האט אויסגעפירט מיט ברכת קדשו.




מיט די כיבודים זענען נתכבד געווארן ידיד נפש הרה"צ ר' יעקב סג"ל שליט"א בן רבינו שליט"א וראה"ח עבו"ע אין ב"פ, קל מסתתר הרה"צ ר' אייזיק סג"ל שליט"א בן רבינו שליט"א ור"מ בישיבתינו הק', אין כאלוקינו הרה"ג המנהל שליט"א, ברכי נפשי הרה"ג ר' חיים הערש מייזעלס שליט"א ר"מ בישיב"ק ומשגיח בישיבתינו הק', שיר המעלות האט רבינו שליט"א מכבד געווען הבה"ח שמעון גוטמאן נ"ו, הגבהת הכוס צו בענטשן הבה"ח חנינא אברהם שטערן נ"ו.

רבינו שליט"א איז צוגעגאנגען צו מעריב לרגל די יומדהל"ק פון רביה"ק השרף זצוק"ל ריש השושילתא קדישא, הגבהת הכוס צו הבדלה הבה"ח דוד שטיין נ"ו, די הבדלה האט געהאלטן הבה"ח רפאל האלצער נ"ו.

נאך הבדלה האט מען געזינגען המבדיל כנהוג, פארגעלערנט משניות, געזאגט ויתן לך, וכו', און רבינו שליט"א האט פארציילט שיחות קודש פון רבינו השרף זצ"ל וואס דער יארצייט איז אויסגעפאלן די קומענדיגע וואך שב"ק העעל"ט און דערנאך האט מען געטאנצן א גוטע וואך, און רבינו שליט"א האט אנגעכאפט נכדי רביה"ק השרף זצ"ל.

נאך שיחות קודש איז פארגעקומען א מעמד שילוח הקן דורך הרה"צ אב"ד מאנסי שליט"א בשליחות הקודש פון רבינו שליט"א, הגה"צ דער רב שליט"א האט אוועק געשיקט די פייגל, און גענומען די אייער, און דערנאך האט מען זיך ארויסגעלאזט אין א ספאנטאנישע טאנץ ועל ידי זה יושפע שפע רב בכל העולמות.

## סעודת מלוה מלכה וסיומי מסכתות ע"י תלמידי הישיבה

בשעה 12:00 האט מען זיך געוואשן צום סעודת מלוה מלכה וואס איז געווען פראכטפול צוגעגרייט. עטליכע מינוט דערויף האט מען מקבל געווען את פני הקודש בתופים ובמחולות. רבינו שליט"א האט געצינדן ליכט און זיך געוואשן צום סעודת מלוה מלכה. מען האט געזינגען זמירות למלוה מלכה. דאן האט דער רבי מכבד געווען צו דערציילן מעשיות. ווי עס האט פארציילט הרה"ג דומ"ץ דקהילתינו הק' ק"י שליט"א ור"מ בישיבתינו הק', הבה"ח שמואל מאיר לייפער נ"ו נכד רבינו השרף זצ"ל, הבה"ח יהודה צבי ראזנבערגער נ"ו נכד רביה"ק זצ"ל, הבה"ח שמחה אלעזר טייטלבוים נ"ו, און דער רבי האט זיך צוגעהערט מיט א קענטיגע הנאה.

נאכדעם איז פארגעקומען די מעמד סיומי מסכתות וואו דריי בחורים ממצוייני תלמידי ישיבתינו הק' האבן מסיים געווען, ואלו הן, הבה"ח אברהם ארי' מאירוביץ נ"ו מסכת ראש השנה, הבה"ח דוד שטיין נ"ו מסכת ברכות, הבה"ח ליפא שטערן נ"ו סדר מועד און נשים משניות, דער רבי האט מיטגעהאלטן אלע סיומים מיט א התרגשות והנאה. נאכן מסיים זיין האט רבינו שליט"א געזאגט קדיש, און זיך ארויסגעלאזט אין פייערדיגע ריקודין קדישין מיט די מסיימים, רבינו שליט"א איז געטאנצן מיט א אש שלהבת קה כדרכו בקודש, אויף די ניגונים, וטהר לבנו לעבדך באמת, אנא עבדא, ישראל נושע בה', וכו'.

דאן האט דער רבי אנגעוואונטשן ברכת קדשו פאר יעדע מסיים באזונדער.

דערנאך האט מען געהערט ספעציעלע חרוזין לרגל השבת קודש שעעל"ט פארגעזינגען דורך הבה"ח אברהם ארי' מאירוביץ נ"ו, ארויסברענגענדיג די געוואלדיגע זכיה פון תלמידי ישיבתינו הק', צו מיטלעבן אזא געהויבענע שבת קודש, רבינו שליט"א האט זיך באדאנקט פאר די הערליכע חרוזין פאר הבה"ח יושע אשר זאב סג"ל גאלדשטיין נ"ו וואס האט עס פארפאסט.

רבינו שליט"א האט אנגעוואונטשן ברכת קדשו, און זיך געזעגנט פון די בחורים נאך אזא לעכטיגע דערהויבענע, הייליגע, התרוממות'דיגע, התעוררות'דיגע שבת קודש.

שיר המעלות האט רבינו שליט"א מכבד געווען הבה"ח אברהם דוד עסטרייכער נ"ו, משב"ק, ברכת המזון האט רבינו שליט"א מכבד געווען דומ"ץ דקהילתינו הק' ק"י שליט"א ור"מ בישיבתינו הק'.

נאכ'ן מלוה מלכה האט רבינו שליט"א אנגעוואונטשן א דרך צלחה פאר'ן דיין ור"מ בישיבה נאך וואס ער איז געפארן אויף א נסיעה למקומות הק' לרגל היומדהל"ק של רביה"ק השרף זצ"ל. דערנאך האט רבינו שליט"א אויפגענומען נדיבי ונגידי בעם בחדרו הפרטי בבנין ישיבתינו הק'. דערנאך האט מען ארויס באגלייט רבינו שליט"א מיט'ן ניגון כי אורך ימים אויסגעשטעלט אויף צוויי שורות, און רבינו שליט"א האט געוואונטשן במאור פניו לתלמידיו הקרוים בנים.

די תלמידי ישיבתינו הק' זענען ארויס פונעם שבת ווי נייע מענטשן אנגעפילט מיט השפעות ברכות עד בלי די, און אנגעזאפט

בקדושה ובטהרה ובשמחת הנפש וואס איז נישט מעגליך צו באשרייבן, עס זאגט זיך ממש די ווערטער פון אקדמות "הדרא דלא אפשר למפרט בשפוותא" די התחדשות, התרוממות, התעוררות, התעלות, וואס עס איז געווארן אריינגעלייגט אין יעדע בחור באזונדער ווי רבינו שליט"א האט זיך אומגעקוקט גאנץ שבת קודש, און זיך געזארגט פאר יעדן איינעם עקסטער, יעדע בחור האט זיך געהאט א עקסטערע זמן דורכאויס די שבת קודש ווי ער האט געהאט א פערזענליכע הערצה פון רבינו ראש ישיבתינו כ"ק מרן רבינו שליט"א, און עס שרייט זיך ארויס ברוך השם שזכינו לחסות בצל הקודש פון אבינו רועינו הוד כבוד קדושת מרן אדוננו מורינו ורבינו עטרת תפארת ראשינו ראש ישיבתינו בישיבה של רבי שליט"א וואס האט אונז מקרב געווען נאך נענטער לאבינו שבשמים, ולתורתו, און אונז מקרב געווען נענטער צו מרן רביה"ק זצוק"ל, און אין זיינע הייליגע דרכים, און די ישיבה שנקראת על שמו הקדוש, וואו רבינו שליט"א האט עטליכע מאל דערמאנט דורכאויס שבת קודש, און אז די זכות פון רביה"ק טוט זיכער ביישטיין פאר די בחורים וואס לערנען בישיבה של רבי, וואו דער רבי האט זיך אויסגעדרוקט "רביה"ק זי"ע פירט עס פון אויבן".

מען האט געזעהן בחוש ווי כהן גדול מאחיו כ"ק מרן רבינו ראש ישיבתינו הק' שליט"א איז מדליק את הנרות עד שתהא: שלהבת עולה מאליה.

## תפלת שחרית ופרידה יום א' בבוקר

זונטאג צופרי האט מען ווידעראמאל געהאט די זכיה מקבל צו זיין את פני הקודש אין א פריע שעה, טראץ גייענדיג שלאפן מוצאי שבת אין די פריע פארטאגס שעה'ן, און מען האט זיך געשטעלט דאווענען תפלת שחרית. צום עמוד איז צוגעגאנגען הבה"ח שמואל מאיר לייפער נ"ו, די דאווענען איז אריבער מיט א געהויבנקייט אזוי ווי גאנץ שבת קודש, שעבר עלינו לטובה.

נאכ'ן דאווענען האט רבינו שליט"א פארפירט א געשמאקע שמועס מיט די בחורים במאור פניו. אינצווישן אנדערע האבן די בחורים איבערגעגעבן קוויטלעך פאר רבינו שליט"א. דער רבי האט געפרעגט ווען מען קומט די קומענדיגע מאל קיין קריתינו הק'. האבן די בחורים געענטפערט אז מען וויל קומען יעדע שבת קודש, האט רבינו שליט"א געענטפערט "איך וויל אויך קומען אהער יעדע וואך" און רבינו שליט"א האט אנגעוואונטשן ברכת קדשו, און מען האט ארויסבאגלייט דעם רבי'ן בשירה ובזמרה.

## שמחם בבנין שלם

דערנאך איז רבינו שליט"א צוגעגאנגען צו די מקום מלאכת הבניה פון בנין ישיבתינו הק' החדש והמפואר שנבנית במהירות יתירה לעשות רצון צדיק פון כ"ק מרן רבינו שליט"א צו האבן א פראכטפולע פאסיגע בנין חדש לישיבה של רבי, רבינו שליט"א האט זיך אומגעקוקט אויף די פארשריט פונעם בויען, געזאגט עטליכע מזמורי תהלים, און אנגעוואונטשן ברכת קדשו.

מיט דעם האט זיך געשלאסן די געהויבענע באזוך פון כ"ק מרן רבינו שליט"א ריש מתיבתא קדישא בהיכל ישיבה של רבי פון וואס די בחורים זענען ארויס מיט א געוואלדיגע התעלות אויף ווייטער.

דער באזוך האט זיך טאקע בפועל געשלאסן, אבער כיון ששבת וי אבדה נפש, דאס געזעגענען זיך פון אזעלכע לעכטיג דערהויבענע מאמענטן זענען פשוט שווער געווען, אבער די תוצאות וואקסן פון מינוט צו מינוט ווען די בחורי הישיבה מאכן א כלי פון די לעכטיגע שבת קודש און מען איז זיך מצמצם אל הלב צו באגרייפן וואס מען האט אלץ מיטגעלעבט אין דעם שבת קודש, א שבת וואס וועט אויף לאנג געדענקט ווערן און האט איבערגעלאזט א טיפע רישומא דקדושה.

## קה אכסוף נועם שבת!



# במקהלות

נייעס, באריכטן
און אנטוויקלונגען,
אינערהאלב

**קהילותינו ומוסדותינו הקדושים**

צווישן מקהלת אנשי
שלומינו ברחבי תבל

קרית טאהש:

## שטארקע דברות קודש דורך כ"ק מרן רבינו שליט"א איבער די קליפה הנוראה AI

נאך די שטארקע אויפוואכונג ביים היימישן ציבור יהדות החרדית אומעטום דורך רבני ומנהיגי הקהילות איבער די קליפה המתגברת בכל יום וואס ווערט אנגערופן AI, וואס leider קען מען צוקומען דערצו אפי' דורך פשוט'ע טעלעפאונען, און האט שוין אנגעברענגט גרויסע חרבנות פאר כלל ישראל, האט כ"ק מרן רבינו שליט"א דעם פארגאנגענעם שב"ק פר' שלח, שבת הילולא קדישא פון רבינו השרף זי"ע, בעת רעוא דרעוין, ארומגערעדט איבער די נסיונות הדור בכלל, און דערביי דערמאנט אז ס'ליידער דא א נייע קליפה וואס רופט זיך AI, און נאך פאר מען ווייסט וואס דאס איז דארף מען שוין אנטלויפן דערפון, און זיך אינגאנצן אפהאקן דערפון.

און די יעצטיגע טעג ווען עס הערשט א געוואלדיגע ווארימקייט צווישן די ציבור צו נזהר זיין און זיך אפהיטן ח"ו נישט צו האבן קיין שום שייכות מיט די קליפה, און שטיין ווייט דערפון למען משמרת הדורות, ווערט אין קריתינו הק' אויסגעארבעט די פונקטליכע פרטים איבער א מאסיווע AI בלאק דרייוו, וואס דאס איז א הצלה פורתא, אז פון געוויסע טעלעפאונען קען מען בלאקן, אז מען זאל נישט קענען ארויסרופן צו די שעדליכע נומערן.

די פונקטליכע פרטים וועלן בעז"ה געמאלדן ווערן אין די קומענדיגע טעג. (זעה פילע דברות קודש אויפן קומענדיגן בלאט)

ישיבה גדולה תורת משולם פייש ד'טאהש - ניו יארק:

## געהויבענער מעמד הנחת אבן הפינה פארן נייעם בנין המפואר פארגעקומען דעם פארלאפענעם עש"ק בהעלותך בראשות כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

אן אומבאשרייבליכע אטמאספערע פון קדושה, שמחה און עקסטאז האט ארומגענומען די ווענט פון ישיבתינו הק' ישיבה גדולה תורת משולם פייש ד'טאהש - ניו יארק, ווען עס איז געפייערט געווארן דער היסטארישער "מעמד הנחת אבן הפינה" פארן נייעם בנין האדיר והמפואר, וועלכע וועט בעזרת ה' דינען אלס אכסניא של תורה פאר די הונדערטער בחורים מצויינים.

דער מעמד איז פארגעקומען אלס אן ערשטקלאסיגער אריינפיר צום דערהויבענעם שבת קודש, וועלכע איז געפראוועט געווארן בצל הקודש פון רבינו שליט"א, וועלכער איז ספעציעל געקומען צו פארן פראווענען דעם שבת מיט די טייערע תלמידים.

די זייגערס האבן געוויזן אויף 5:30 ערב שבת נאכמיטאג, ווען דער לופט אינעם היכל הישיבה איז געווען געדעקט מיט שבת'דיגן חן, ווען המלך ביופיו כ"ק מרן רבינו שליט"א ריש מתיבתא קדישא, איז ערשינען בהיכל הישיבה, מלובש מיט די בגדי שבת קודש, וועלכע מ'האט ענטפאנגען בשירה ובזמרה.

דער מעמד איז געעפנט געווארן מיט פאסיגע און פלאמיגע ווערטער דורך הרב הגאון דומ"ץ קהלתינו ק"י שליט"א ור"מ בישיבה גדולה, וועלכער האט ארומגערעדט בשבחה פון דעם מקום קדוש וואו תורה ויראת שמים מארקירן דעם סדר היום, און איבער דעם גרויסן זכות פון מרחיב זיין די גבולי הקדושה מיט דעם נייעם בנין.

נאך די ווארימע ווערטער פונעם דיין האט זיך דער היכל הישיבה צוגאסן מיט ווארימע ניגוני התעוררות און כיסופין, גרייטנדיג די הערצער צום הויכפונקט ווען מ'וועט אוועקשטעלן דעם יסוד פארן נייעם בנין פון וועלכע עס וועט ארויסגיין תורה ויראת שמים פאר די קומענדיגע דורות.

דאן האט מען געהערט הערליכע חרוזים דורך מו"ה אלי' דוד טירנויער הי"ו, וועלכער האט מיט זיין אייגנארטיגן טאלאנט אויסגעגראמט הערליכע הארציגע חרוזים. די גראמען האבן ארויסגעברענגט די נאנטקייט און קשר צווישן דעם רבי'ן און די תלמידים, און דעם שטאלץ פון די ישיבה.

גלייך דערנאך האבן די בחורים געהאט די זכי' צו הערן דברות קודש פון כ"ק מרן רבינו שליט"א אנגעפילט מיט הדרכה, חיזוק און ברכות לרוב פאר די בחורי חמד און פאר די הנהלת הישיבה וועלכע געבן אפ זייער לעבן פאר דעם וואוילזיין פון די תלמידים.

אצינד האט מען צוגעטראטן צום הויכפונקט פונעם מעמד, ווען רבינו שליט"א האט מיט גרויס התעוררות פארגעזאגט מזמורי תהלים קאפי' כ"ד - כ"ט, און דערנאך געזאגט אינאיינעם קאפיטל ל' - צ"א, און אריינגעלייגט מטבעות קודש, און געגאסן די צעמענט אינעם ספעציעלן שיסל וועלכע מען האט שפעטער ארויפגעגאסן אויפ'ן פונדאמענט וואו מען בויעט ארויף דעם בנין האדיר והמפואר.

דערנאך האט דער רבי מכבד געווען צו גיסן בניו הגה"צ שליט"א, הגאון הדומ"ץ שליט"א, הרה"ג רמ"י ומנהלי הישיבה שליט"א.

נאכן זיך אויפשטעלן טאנצן שמחם בבנין שלם און קה זכות אבות בשמחה ובדביקות פאר לענגערע מינוטן, האט רבינו שליט"א מכבד געווען אלע בחורים אריבערצוגיין איינס נאכן אנדערן, יעדער בחור האט געהאט די זעלטענע געלעגנהייט אריינצולייגן מטבעות, און גיסן צעמענט זייענדיג א שותף אינעם גיסן דעם צעמענט פאר דעם עתיד פון זייער אייגענער ישיבה.

שמחם בבנין שלם!

## חבורת אברכים וויליאמסבורג:

דעם דאנערשטאג שלח העעל"ט איז פארגעקומען א חבורה פון אלע אברכי אנ"ש תושבי וומסב"ג, בבית הרה"צ רבי משה סג"ל שליט"א, לרגל כ"ח סיון יומדהל"ק פון רבינו השרף זי"ע, ווי הרה"צ רבי משה שליט"א האט ארומגערעדט עובדות וסיפורים איבערן בעל ההילולא זי"ע, און איבער עבודת קדשו ודביקותו אינעם שבת קודש, און וואס מען קען זיך ארויסלערנען פון זיין הייליגן דרך אין עבודת השי"ת. דערנאך האט מען געזינגען ווארימע ניגונים לכבוד שב"ק ולכבוד די הילולא קדישא.

## חבורת עבודת עבודה לבחורי אנ"ש - בארא פארק:

די וואך שב"ק שלח כ"ח סיון האבן בחורי אנ"ש חברי חבורת עבודת עבודה דקהלתינו הק' בארא פארק געוויילט א שבת התועדות בצל הקודש אין קריתינו הק', בראשות די ראש החבורה הרה"צ רבי יעקב סג"ל שליט"א בן כ"ק מרן רבינו שליט"א.

דער ראש החבורה שליט"א האט געפירט א עקסטערע סעודה מיט די בחורים פרייטאג צונאכטס בביתו נאוה קודש נומער 9, דערנאך אריבער צום שלחן הטהור בהיכל ביהמ"ד הגדול. שבת צופרי האבן די בחורים געגעסן די סעודה מיט רבינו שליט"א, נאכמיטאג האט הרה"צ רבי מיכל מאסקאוויטש שליט"א חדב"ן פארגעלערנט פרקי אבות ספעציעל פאר די בחורים.

מוצש"ק זענען די בחורים אריין אל הקודש פנימה, ווי דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש דברי חיזוק, און דערנאך פארטיילט פאר אלע בחורים דער הערליכע ספר עבודת הלוים פון רבינו השרף זי"ע.

מען זאל האבן גע'פועל'ט אלעס גוטס.

## תלמוד תורה עבודת משולם פייש - מאנסי:

# אשרי עין ראתה תינוקות של בית רבן שמחים בשמחת התורה

מיט די ווערטער איז פאסיג צו באריכטן די געהויבענע מעמד נהדר "חומש סעודה" וואס איז פארגעקומען בקרב מוסדותינו הקדושים, ווען די לעכטיגע קינדערלעך פון כתה א' האבן געפראוועט דעם התחלת לימוד תורה שבכתב מיט א פרייליכע שטימונג.

צו דעם באשטימטע צייט דעם פארגאנגענעם זונטאג העעל"ט זענען זיך צוזאמען געקומען די חשובע הורי וזקני חתני התורה, וואס זענען געקומען זיך משתתף זיין בשמחתם פון זייערע לעכטיגע קינדערלעך. ווען אפאר מינוט דערויף האט מען געהאט די זכי' צו מקבל פנים זיין דעם רעיא מהימנא קדישא כ"ק מרן רבינו שליט"א נשיא המוסדות, וואס איז זיך געקומען משתתף זיין ביי די גרויסע שמחה פון זיינע לעכטיגע תלמידים וואס זענען שטענדיג קרוב ללבו הטהור.

דערנאך האט מען מקבל געווען די לעכטיגע חתני המקרא וואס האבן זיך אוועק געשטעלט אויף די ספעציעלע פלאטפארמע, וואס איז געווען הערליך אהער געשטעלט ווי עס פאסט פאר אזא הייליגע מעמד.

די לעכטיגע קינדער האבן אנגעפאנגען מיט די ניגונים וואס זיי האבן איינגעחזר'ט וואכן לאנג צו זיין גרייט צום געהויבענעם מעמד, ובפרט די הערליכע אידישע אהבה רבה ניגון וואס דער מלמד שליט"א האט מחבר געווען דערויף הערליכע חרוזים.

דערנאך האבן זיי געלערנט די הייליגע חומש אנגעפירט דורך די געטרייע און איבערגעגעבענע מלמד מומחה הרב חיים ראטטענשטיין שליט"א וואס האט אריינגעלייגט גרויסע כוחות אז די לעכטיגע קינדער זאלן אנקומען פולקאם גרייט צום געהויבענעם מעמד.

מען האט געהערט א רייכע דרשה לכבוד המעמד דורך הגה"צ אב"ד קהלתינו הק' שליט"א, וואו די רב האט ארויסגעברענגט די גרויסקייט פון די הייליגע מאורה ווען מען קומט זיך צוזאם צו אפצייכענען די געהויבענע מאמענט, ווען די לעכטיגע צאן קדשים פאנגען אן צו לערנען די הייליגע תורה שבכתב, און אזוי אויך זיך באדאנקט פאר די געטרייע מלמד וואס זיין שם הטוב הולך לפניו אינעם גאנצן שטאט.

דערנאך זענען אלע חתני המוקרא ארויס אין א טאנץ מיט זייער חשובע עלטערן לויבן און דאנקן דעם אייבערשטן אז ברוך השם מען האט דערגרייכט צו די געהויבענע צייט.

צום לעצט זענען אלע חשובע חתני המקרא דורך אל מול פני הקודש, ווען כ"ק מרן רבינו שליט"א האט פארטיילט פאר די לעכטיגע קינדער די הערליכע 'ספר תהלים עבודת משולם פייש' און אנגעוואונטשן ווארימע ברכות אז זיי זאלן ווייטער שטייגן מעלה מעלה בתורה ויראת שמים און פארשאפן אסאך נחת פאר די חשוב'ע עלטערן.

עס איז איבעריג אויסצופירן אז ווער עס האט נישט מיטגעהאלטן די געהויבענע מאורע קען מען אים עס נישט מסביר זיין, די הערליכע גייסטרייכע מעמד הוד וואס האט זיך אפגעשפילט. און עס איז צום האפן אז די חשוב'ע חתני המקרא זאלן ווייטער שטייגן מעלה מעלה בתורה ויראת שמים אויפן הייליגע דרך המסורה.

בעזהשי"ת

### מתוך דברות קודש דברי אלקים חיים שהשמיע

# כבוד קדושת מרן רבינו שליט"א

### אצל סעודת רעווא דרעווין שב"ק פר' שלח - פק"ק קרית טאהש תע"א
### כ"ח סיון - יומהדל"ק של רבינו השרף ז"ע

די וואכעדיגע סדרה שטייט די פרשה פון ציצית, עס שטייט דארט צום סוף "אני ה' אלקיכם אשר הוצאתי אתכם מארץ מצרים להיות לכם לאלקים אני ה' אלקיכם". דארף מען פארשטיין פארוואס איז דא א דאפלטע לשון "אני ה' אלקיכם".

נאר וואס דען, מ'קען פארענטפערן און זאגן א פשט, עס שטייט אין די פרשה פון ציצית, "ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם", דאס מיינט מ'זאל נישט נאכגיין די תאוות. די תורה איז א נצחיות, בכל מקום ובכל זמן, אלעמאל שטייט די תורה מיט'ן מענטש. און פון ווען די וועלט איז באשאפן געווארן, איז דער מענטש באשאפן געווארן מיט אסאך נסיונות, און תאוות, און דעריבער דארף זיך א מענטש שטארקן "ולא תתורו אחרי לבבכם".

אין פרשת אחרי שטייט "וידבר ה' אל משה לאמר דבר אל בני ישראל ואמרת אליהם אני ה' אלקיכם, כמעשה ארץ מצרים אשר ישבתם בה לא תעשו וכמעשה ארץ כנען אשר אני מביא אתכם שמה לא תעשו ובחקתיהם לא תלכו". זאגט דער הייליגע אור החיים הקדוש אויף די ווערטער. **אז א מענטש אויף די וועלט, אויב וויל ער זיך צוריקהאלטן פון אן עבירה, קען ער זיך אנשטרענגען, און ער קען בייקומען די נסיון. אבער ביי עריות, אויב דארף א מענטש זיך שטארקן קעגן די נסיון, איז נישט מעגליך אז ער זאל זיך קענען שטארקן נאר אז ער האט די צוויי זאכן, ער היט אפ די אויגן, און היט אפ די מחשבות און לאזט נישט אריין שלעכטע מחשבות אין זיין קאפ. אויב נישט, איז נישט מעגליך א מענטש זאל קענען שולט זיין אויף זיך.**

די מדרש ברענגט א מעשה פון מתיא בן חרש, ברענגט די מדרש, אז ער האט זיך אליין ארויסגעשטאכן די אויגן, און נאכדעם האט מען אים געוואלט פון הימל צוריקמאכן, האט ער געזאגט אז ער קען נישט ביישטיין די נסיון, ער האט געוואלט אזוי בלייבן. ער איז שוין געווען א צדיק, איז כל שכן אונז דא אויף די וועלט, סתם א מענטש, דארף מען דאך אוודאי סייעתא דשמיא אין דעם.

איז דער מענטש קען חלילה טראכטן אז הייליגע אויגן הייליגע מחשבות דאס איז פאר צדיקים, דאס איז נישט פאר אונז, **זאגט אבער דער הייליגער אור החיים הק', ניין, יעדער מענטש, אויב ער איז זיך מקבל פון דאס-ניי, אז ער גייט נישט קוקן וואו מ'טאר נישט, ער גייט האבן הייליגע אויגן, ער גייט האבן הייליגע מחשבות, דעמאלטס קען ער גובר זיין דעם יצר הרע.**

זאגט דער הייליגער אור החיים הקדוש, "דבר אל בני ישראל ואמרת אליהם אני ה' אלקיכם", רעד צו אידישע קינדער, "ואמרת אליהם אני ה' אלקיכם", איך בין דער אייבערשטער, און זאג זיי, "כמעשה ארץ מצרים אשר ישבתם בה לא תעשו", אזוי ווי ס'איז געווען אין ארץ מצרים, וואס דאס איז געווען א מקום ערוה, "לא תעשו", איז אבער זייער שווער פאר א מענטש, אז ער איז געווען אין מצרים, ס'איז געווען א מקום ערוה, ער האט שוין געזען די זאכן, וויאזוי קען זיך א מענטש איינהאלטן. **אויף דעם קומט דער אייבערשטער, זאגט דער הייליגער אור החיים, און ער זאגט די ערשטע זאך: "דבר אל בני ישראל ואמרת אליהם אני ה' אלקיכם". איידער איך גיי זאגן אז ס'איז שוין געווען זאכן וואס זענען געווען אין מצרים, און ס'איז דא זאכן וואס גייען אריין אין ארץ כנען און מ'זעט זיך אן, "אני ה' אלקיכם", מען זאל זיך מדבק זיין צו מיר. און ווען מען וועט זיך מדבק זיין צו מיר, וועט מען האבן א דביקות אין מיר, און מען וועט זיך קענען שטארקן. א גוי קען זיך נישט שטארקן, אבער א איד האט דאך א חלק אלקי ממעל, קען ער זיך זיכער שטארקן.**

די שכל, די מוח, די נשמה, קען שולט זיין אויף די הארץ. די הארץ גלוסט, אבער די דריי זאכן, אז א מענטש איז זיך מדבק צום אייבערשטן, האט ער די שכל, ער קאנטראלירט זיך, די מוח מיט די שכל, און ער קען אלעס בייקומען. צדיקים האבן געזאגט אז די שטיקל אור החיים הקדוש דארף מען אסאך חזר'ן, כדי מ'זאל וויסן וויאזוי מ'קען זיך אלעמאל שטארקן.

אויב מ'פארשטייט דאס, קען מען פארשטיין וואס שטייט די וואך אין די סדרה. די וואך אין די סדרה שטייט דאך "ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם", יעדער איד איז מחויב מתפלל צו זיין און בעטן דעם אייבערשטן. ווען ער ליינט קריאת שמע אינדערפרי, זאל ער בעטן אויף א גאנצן טאג. ווען ער ליינט קריאת שמע ביינאכט, זאל ער בעטן אויף א גאנצע נאכט "ולא תתורו אחרי לבבכם", ער זאל קענען בייקומען די נסיונות, ער זאל זיך קענען שטארקן קעגן דעם יצר.

דאס שטייט טאקע אין פרשת קדושים "קדושים תהיו", הייליג זאלט עטס זיין, א מענטש דארף מאכן א סייג, א גדר צו וויסן אז מ'טאר זיך נישט נאכגעבן די תאוות "עין רואה ולב חומד". רבינו הקדוש פלעגט אסאך מאל מעורר זיין, "קדש עצמך במותר לך", ווען ס'קומט צו דיר א תאווה, צום ביישפיל דו עסט, דו טוסט א זאך, זאל מען וויסן אז עס דארף זיין פאר'ן אייבערשטן. דו עסט ווייל דו ווילסט האבן כח צו לערנען. – איך זאג עס פאר מיר, איך זאך עס נאר הויעך, - דו עסט ווייל דו ווילסט האבן כח צו לערנען, דו שלאפסט ווייל דו ווילסט האבן כח צו לערנען, און אז א איד טוט אזוי במותר לך, קען ער אוודאי זיך שטארקן ווען ס'איז דא א איסור. ווייל ער טוט זיך אין איין ברעכן די תאוה, ער טוט זיך שטארקן, ער טוט זיך מקדש זיין צו דינען דעם אייבערשטן.

> **איך וויל מעורר זיין א זאך. איך בין געווען אין אמעריקע פאריגע וואך, איך האב זיך געטראפן מיט א מנהל פון א מוסד. האט ער מיר געזאגט, ס'איז ארויסגעקומען א נייע קליפה, איך האב עס געהערט שוין, אבער איך האב נישט פארשטאנען וואס דאס איז, אבער ער האט מיר אביסל מסביר געווען, ס'איז ארויסגעקומען א נייע קליפה אויף די וועלט, וואס הייסט AI. זאל מען זעהן, מ'דארף פון די זאך אוועקלויפן, נאך פאר מען ווייסט וואס דאס איז, זאל מען שוין אוועקלויפן. קדש עצמך במותר לך, זיי דיר מקדש ווען דו ווייסט נאכנישט וואס דאס איז.**

מען האט יעצט געבענטשט מברכים תמוז, תמוז איז דאך א זמן וואס מען פארט ארום, מפארט אהין, מ'פארט אהער, דארף מען וויסן, דער הייליגער אר"י הק' ברענגט, אז יעדע חודש פון די יאר איז קעגן איין אבר פון דעם קאפ, **חודש תמוז און אב איז קעגן די צוויי אויגן, מען זאגט אין איכה "עיני עיני ירדה מים", די אויגן זאלן רינען וואסער, מ'זאל זיך אויסבעטן אז דאס וואס מיר האבן חלילה וחס עובר געווען אויף עפעס, זאל מען בעטן דעם אייבערשטן אז די עבירות זאלן אוועקגיין, און מ'זאל קענען אויפבויען די בית המקדש.** דאס איז יעצט די צייט, חודש תמוז, חודש אב, די ימי בין המצרים, אידישע קינדער זאלן תשובה טון, און בעטן דעם אייבערשטן אויף דאס וואס מ'האט געזינדיגט.

**ווייטער, די תענוגי נפש וואס מ'גייט ארום, ס'איז דאך יעצט די חדשים וואס מ'גייט אויף תענוגי נפש, טאמער מ'דארף עס האבן איז איין זאך, אבער טאמער מ'דארף עס נישט איז קדש עצמך במותר לך. און אז מ'טוט דעם קען מען זיך האלטן.**

דאס איז דער פשט וואס מיר זעען מיט די וואכעדיגע סדרה. די וואכעדיגע סדרה שטייט "אני ה' אלקיכם אשר הוצאתי אתכם מארץ מצרים להיות לכם לאלקים אני ה' אלקיכם". האט מען געפרעגט, וואס זאגט ער איבער אני השם אלקיכם, **ווייל א איד דארף וויסן, "אני ה' אלקיכם", איך בין געווען ענקער באשעפער "אשר הוצאתי אתכם מארץ מצרים להיות לכם לאלקים", אבער איך בין היינט תשפ"ו "אני ה' אלקיכם", איך בין יעצט אויך ענקער באשעפער, איך האב ענק פון דארט ארויסגעצויגן, איך קען ענק פון דא ארויסציען. און דאס דארף מען זען צו צו איילן.**

היינט איז דאך געווען די יומא דהילולא פונעם הייליג'ן עלטער זיידן, קומט ער דאך אראפ דא צווישן אונז, ער איז דא א גאנץ יאר, איבערהויפט יעצט, די יומא דהילולא, שיקט מען אים אראפ, ער קען אונז בענטשן, און ער זאל אונז בענטשן. זאל מען טאקע זוכה זיין, נעלה מען זאל שוין איינמאל פאר אלעמאל ארויפגיין, און מען זאל אויסגעלייזט ווערן, עיני עיני יורדה מים, מיר וויינען שוין גענוג. זה בכה וזה בכה, מ'גייט אדורך שוועריקייטן, פארשידענע זאכן, מיר וויינען שוין גענוג. יעצט דארף מען שוין זען,

עס זאל טאקע אויפגעבויט ווערן די בנין בית המקדש, מיר זאלן ארויפגיין קיין ארץ ישראל, און מיר זאלן זוכה זיין צו ביאת גואל צדק במהרה בימינו אמן.

# בצל הקודש

מהנעשה והנשמע בביתו נאוה קודש
של כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

שלח - כ"ח סיון - תשפ"ו לפ"ק

## מאנטאג פר' שלח

נאכמיטאג האט רבינו שליט"א מנחם אבל געווען דורכן טעל. ביי משפחת ברוין, וועלכע זענען געזעצן שבעה נאך זייער טאטע הרה"ח ר' ניסן מרדכי ע"ה, דער רבי האט געטרייסט און מחזק געווען און ווארעם אנגעוואונטשן.

## דינסטאג פר' שלח

ביינאכט האט זיך דער רבי משתתף געווען ביים שמחת השבע ברכות בביתו נאוה קודש לכבוד הרה"ג ר' יעקב פויגעל שליט"א מרבני הכולל, צוגעשטעלט דורך די הנהלת הכולל בהשתתפות אברכי הכולל. לרגל נישואי בנו החתן משולם פייש הי"ו מחשובי תלמידי ישיבתינו הק', און אייניקל פון הרה"ח ר' יעקב יוסף כהנא שליט"א משב"ק.

דער מחותן הרה"ג ר' יעקב שליט"א האט מקבל פנים געווען דעם רבי'ן מיט פאסיגע ווערטער, דער רבי האט געטרינקן לחיים און אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן חתן און מחותנים און זיידע'ס.

דערנאך האט מען זיך ארויסגעלאזט אין א ריקוד מיטן חתן, און מיט די מחותנים און זיידע'ס, דערנאך מיטן ראש הכוללים כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, הגאון הגדול הדומ"ץ שליט"א, הרה"ג ר' יצחק יודא משה גוטמאן שליט"א און הרה"ג ר' יעקב קליין שליט"א מו"ץ ורבני הכולל.

## מיטוואך פר' שלח

אינדערפרי איז פארגעקומען די אפשערן'ס פון די צווילינג קינדער פון מו"ה אברהם דוד ווייס הי"ו, בן העסקן הדגול מוה"ר יצחק אייזיק ווייס הי"ו. דער רבי האט אפגעשוירן די האר אנגעטון קאפל און ציצית און געבענטשט די קינדער, און אנגעוואונטשן ברכת קדשו פאר די עלטערן ובני משפחה.

נאכמיטאג איז דער רבי ערשינען בהיכל ישיבה גדולה אין קריתינו הק', מיטהאלטן די מעמד מכירת העליות און כיבודים פאר שעות רצופות, לקראת די דערהויבענע שבת "בני חביבי", וועלכע דער רבי וועט פירן פריוואט מיט די תלמידי הישיבה אויף די קאנאדישע בערג, קומענדיגן שבת קודש פר' קרח הבעל"ט.

## שב"ק פר' שלח

פארן זמן הדלה"נ איז דער רבי ערשינען אין ביהמ"ד הגדול, געצינדן די ליכט ביים עמוד און די ליכט לע"נ רביה"ק זי"ע, און ספעציעלע ליכט לכבוד די יארצייט פון רבינו השרף זי"ע, און די נרות שבת, און געזאגט שיר השירים אינאיינעם מיט תלמידי ישיבה גדולה, דערנאך געוואונטשן א גוט שבת.

דער רבי איז צוגעגאנגען צו תפילת מנחה, און פארגעזאגט הודו פסוק בפסוק אזוי ווי די מנהג פון רבינו השרף זי"ע בעל ההילולא, דער רבי איז צוגעגאנגען צו קבלת שבת. נאכן דאווענען איז דער ציבור אריבער דעם רבי'ן וואונטשן 'א גוט שבת'.

◇

ביים שלחן הטהור איז מכובד געווארן מיט הגבהת הכוס צו קידוש החתן אלי' ב"ר משה מאיר ברוין ני"ו תלמיד ישיבה גדולה.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, הגה"צ אב"ד תולדות אברהם יצחק שליט"א פון בית שמש, הגה"צ אב"ד מראה יחזקאל שליט"א פון בארא פארק, הרה"צ רבי יעקב סג"ל שליט"א ראה"ח עבודת עבודה בארא פארק, הרה"ח ר' שמואל משה מנחם סאנדעל הי"ו פון קרית יואל, הרה"ח ר' מרדכי מאירוביץ הי"ו פון בארא פארק.

דער רבי האט פארגעלערנט בספה"ק נועם אלימלך, און דערנאך ממשיך געווען מיט דברות קודש.

דער רבי האט געבענטשט ברהמ"ז על הכוס, הגבהת הכוס מוה"ר אלימלך פעלבערבוים הי"ו פון מאנסי, שיר המעלות הב' יוסף מרדכי ב"ר יצחק מאיר שווארץ ני"ו גבאי חבורות עבו"ע בארא פארק.

נאכן בענטשן איז פארגעקומען די שלום זכור פון בן הנולד צו מוה"ר יואל ברייער הי"ו, דער רבי האט טועם געווען

פון די בונדלעך, און געטיילט שיריים פארן בעל שמחה און אנגעוואונטשן ברכת קדשו לרוב.

שבת נותנים לו אב"ד סיקסא שליט"א פון וומסב"ג. נאכן טיש האבן די בחורים אהיימבאגלייט דעם רבי'ן און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג, אנקומענדיג לביתו נאוה קודש האט דער רבי געוואונטשן א גוט שבת.

◆

שבת אינדערפרי האט דער רבי פארגעזאגט ספר תהלים ביים עמוד כנהוג. דער רבי האט געדאווענט אלע תפילות פארן עמוד לכבוד די הילולא קדישא.

די עליות האבן עולה געווען: כהן הגה"צ אב"ד תולדות אברהם יצחק שליט"א פון בית שמש, לוי רבינו שליט"א, שלישי הגה"צ אב"ד באניא שליט"א פון קרית יואל, רביעי הרה"ג ר' איסר נפתלי מערעמלשטיין שליט"א, חמישי מו"ה אברהם יושע קרויס הי"ו, ששי הגה"צ אב"ד מראה יחזקאל שליט"א, שביעי מוה"ר ישראל דוד ארי' פאנעט הי"ו, הוספות: הרה"ח ר' מרדכי מאירוביץ הי"ו פון וומסב"ג, מו"ה יואל ברייער הי"ו, מו"ה משה אהרן מערמעלשטיין הי"ו דער רבי האט געגעבן די נאמען לבתו הנולד לו למזל טוב, אחרון מו"ה שלמה דייטש הי"ו דער רבי האט געגעבן די נאמען לבתו הנולד לו למזל טוב.

פאר מפטיר האט דער רבי געמאכט די מי שברך לחולי ישראל. מפטיר האט עולה געווען הרה"ג ר' יששכר דוב מאירוביץ שליט"א לרגל די יארצייט פון זיין טאטע ע"ה. הגבה הרה"צ רבי יעקב סג"ל שליט"א, גלילה החתן ב"ר חיים יואל פריעדמאן ני"ו פון בארא פארק, המיול"ח מוה"ר עזרא שמעון ישראל סג"ל נייהויזער הי"ו.

◆

ביים שלחן הטהור אינאיינעם מיט די תלמידי ישיבה גדולה ואורחים החשובים וחברי חבורת עבו"ע ב"פ בהיכל הטישן איז מכובד געווארן מיט הגבהת הכוס צו קידוש מוה"ר מרדכי ווידער הי"ו, גבאי ביהמ"ד הגדול.

נאך די פיש איז פארגעקומען א סיום מס' פון מוה"ר מרדכי ווידער הי"ו, אינאיינעם מיט זיין חברותא מוה"ר אליעזר זוסיא סג"ל קרויס הי"ו חבר מקהלת המנגנים, דער רבי האט געזאגט קדיש און אנגעוואונטשן, דערנאך געמאכט א ריקוד מיט די בעלי שמחה.

אז ביום השביעי הרה"ח ר' מרדכי מאיר לאנדאוי הי"ו פון וומסב"ג. ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא ירושלים שליט"א, שיר המעלות הב' הערשל ב"ר אהרן פריעד ני"ו פון בארא פארק.

נאכן טיש האבן די בחורים אהיימבאגלייט דעם רבי'ן און געזאגט דברי תורה אויפן וועג, אנקומענדיג אהיים האט דער רבי געוואונטשן 'א גוט שבת'.

◆

שבת נאכמיטאג האט פארגעלערנט פרקי אבות בהיכל ביהמ"ד הגדול הרה"ג ר' יעקב קליין שליט"א מו"ץ.

דער רבי איז צוגעגאנגען צו תפילת מנחה. די עליות האבן עולה געווען: ראשון הגה"צ רבי יעקב סג"ל שליט"א, שני הרה"ח ר' שמואל משה מנחם סאנדעל הי"ו פון קרית יואל, שלישי הגה"צ רבי מרדכי אברהם גינזבורג שליט"א חדב"ן, הגבה כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, גלילה מוה"ר שלמה מאשקאוויטש הי"ו פון קרית יואל.

קידוש ביי סעודה שלישית האט דער רבי מכבד געווען הרה"ג ר' יששכר דוב מאירוביץ שליט"א. דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: מוה"ר יושע ראזנער הי"ו, מוה"ר מרדכי יודא דייטש הי"ו, מוה"ר מנחם מענדל בראך הי"ו פון מאנסי, מוה"ר שלמה קליין הי"ו פון בלומינגבערג.

דער רבי האט געבענטשט ברהמ"ז על הכוס, הגבהת הכוס מוה"ר משולם פייש פאגעל הי"ו פון מאנטריאל, שיר המעלות הב' יונתן בנימין ב"ר יואל שטערן ני"ו פון בארא פארק.

דער רבי איז צוגעגאנגען צו תפילת מעריב, דערנאך געמאכט הבדלה, הגבהת הכוס צו הבדלה הרה"ח ר' נפתלי צבי ברוך לאנדאוי הי"ו פון וומסב"ג.

דערנאך האט דער רבי אויפגענומען קבלת קהל לברך ולהתברך בחדר הפרטי בבנין הישיבה.

במשך די זמני כניסה זענען אויך אריין חברי חבורת עבודת עבודה בארא פארק, וועלכע האבן געוויילט אויף שבת בצל הקודש, ווי דער רבי האט משמיע געווען דב"ק און פארטיילט א מתנה פאר אלע בחורים.

◆

ארום 1:00 איז דער רבי ערשינען אין ביהמ"ד הגדול צום שלחן הטהור סעודת הילולא קדישא פון רבינו השרף זי"ע, דער רבי האט געצינדן ליכט און זיך געוואשן צום סעודה.

במשכ'ן סעודה האט דער רבי געמאכט א סיום ששה סדרי משנה אינאיינעם מיט חתנו הגה"צ רבי מרדכי אברהם גינזבורג שליט"א, דערנאך געזאגט קדיש.

מען האט געזינגען זמירות מוצש"ק און פאסיגע ניגונים לכבוד די יארצייט.

דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש און פארציילט עובודות וסיפורים פונעם הייליגן שרף בעל הילולא זי"ע.

# כלל חסידי טאהש פון אומעטום
# באפעסטיגן אינאיינעם
דעם רבי'נס בליענדע ירושה

**קרית יואל**
פרשת מטו"מ
דברים

**מאנסי**
לינדען/לעיקוואד
פרשת ואתחנן
עקב

**קרית טאהש**
בעצם יומא
דהילולא קדישא
ז"ך אב
אצל ציון
המצוינת של
מרן רבינו
הקדוש זי"ע

**וויליאמסבורג**
פרשת קרח
חקת-בלק

**בארא פארק**
פרשת פנחס

משאת נפשו

יעדער לינדערט דעם הייליגן רבי'ס משא

---

מזון הנפש

## סדר הלימודים
במסגרת החבורות שע"י קהילתינו הק'

## = פרשת חוקת בלק =

| | ז' עמודים - מסכת זבחים | | ה' עמודים - מסכת סנהדרין | |
|---|---|---|---|---|
| | [illegible] | [illegible] | [illegible] | [illegible] |
| שב"ק קרח | דף קיד: | דף קיא. | חזרה | חזרה |
| זונטאג | דף קטו. | דף קיא: | דף יח. | דף יד: |
| מאנטאג | דף קטו: | דף קיב. | דף יח: | דף טו. |
| דינסטאג | דף קטז. | דף קיב: | דף יט. | דף טו: |
| מיטוואך | דף קטז: | דף קיג. | דף יט: | דף טז. |
| דאנערשטאג | דף קיז. | דף קיג: | דף כ. | דף טז: |
| עש"ק | דף קיז: | דף קיד. | חזרה | חזרה |

בחינה הבאה ביום א' דברים
חבורת ז' עמודים - קט. - סוף המסכת
חבורת ה' עמודים - יג. - כב:

514-500-8674 - 718-451-8674

---

## פרנס
השיעורי תורה על
'קול איחוד' לשבוע הבעל"ט

נתנדב לע"נ
הרה"ח ר' **אלעזר**
**ליפא** ב"ר **יהודה** ז"ל
**ווייןגארטן**

יארצייט ביום השב"ק - ה' תמוז

זכות השיעורי תורה דרבים יעמוד
לו ולזרעו להתברך בכל הברכות
הכתובה בתורה עד עולם אמן

## קול איחוד טאהש
מקושר פון איבעראל

718.451.TOSH | 514.500.TOSH

| | |
|---|---|
| 718.451.8674 | 514.500.8674 |
| 0.333.015.0715 | 079.704.0074 |

קולו בקודש מרביה"ק זי"ע | דברות ושיחות קודש מרבינו שליט"א | דרשות | שיעורים | חבורות
מעמדים | מאורעות | מודעות | שמחות | אינטערוויו'ס | מזון הנפש | עזר לתושבים
מעמבער אפטיילונג | ואטהר ואתקדש | קהילות ומוסדות | פרנסה ביחד | ועוד

די לעצטע געלעגנהייט אריינצושיקן בריוון,
מודעות, און מזל טוב'ס פארן גליון, איז:
## מיטוואך 12:00 מיטאג


איחוד תלמידי חסידי טאהש

יו"ל ע"י
**איחוד תלמידי וחסידי טאהש**
פילצאליגע פראיעקטן צו פאראייניגן און סערווירן אנשי שלומינו

P: 718.451.8674 EXT. 80 | F: 845.610.8674
11 Van Buren Dr. #205 Monroe N.Y. 10950


גליון באור החיים | להתאחד בחורי אנ"ש | קול איחוד טאהש | חברה ש"ס | מתאחדת בלעטל | טעלעפאן ביכל | פרנסה ביחד